STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01394

MEDRESH ITSIK

Itzik Manger

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאנגער

מדרש איציק

פאריז, ה'תשי"א

1951

איציק מאַנגער

געזאַמלטע שריפֿטן

ערשטער באַנד

אַרויסגעגעבן צום 50־טן געבוירנטאָג פון דעם דיכטער
דורכן „איציק מאַנגער יובל־קאָמיטעט“, פּאַריז־זשענעווע

דאָס בוך — איז דער ע ר ש ט ע ר באַנד פון איציק מאַנגערס „געזאַמלטע שריפטן", וועלכע עס האָבן זיך אונטערגענומען אַרויס־צוגעבן לכבוד זיין 50־טן געבוירנטאָג (סוף מאַי 1951) עטלעכע פריינט פונעם דיכטער, פאַרערער פון זיין גרויסן טאַלאַנט.
דורך דעם, האָבן די איניציאַטאָרן בדעה געהאַט צו פאַרצייכענען אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, צו פייערן די פערזענלעכע שמחה פון אונזער גרויסן פאָלקס־דיכטער און, דורך דער פאַרשפּרייטונג פון מאַנגערס ווערק, ממשותדיק צו זאָרגן דערפאַר, אַז דער יובילאַר „מאָג האָבן וואָס צו זויפן"...
פאַר דעם ציל האָבן זיי, אין פאַרשטענדיקונג מיטן דיכטער, קאָנסטי־טואירט דעם „צענטראַלן איציק מאַנגער יובל־קאָמיטעט" ביים „פאַריזער יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן־פאַריין", פאַרבונדן זיך מיט דעם דיכטערס פריינט אין זשענעווע, אין קאַנאַדע, ישראל, דרום־אַפריקע און אין אַ רייע אַנדערע יידישע ישובים.
אַ גאַנץ באַזונדערן דאַנק דריקט אויס דאָס „צענטראַלע יובל־ביוראָ" דער משפחה פון פּריציייטיק פאַרשטאָרבענעם גרויסן פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור אַ ד אָ ל ף נ ו י מ אַ ן , וועלכע האָט, געט־רייַ דעם גייסט פון פאַרשטאָרבענעם, אָפּגעהיטן זיין וואונטש און געשטעלט אין אונזער רשות די ערשטע נויטיקע סומען, דעם פּראָ־מינענטן יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער ד"ר אהרן ס י נ ג אַ ־ ל א ו ס ק י פאַר זיין גרויסן אינטערעס און פינאַנציעלער מיטהילף צו דער אונטערנעמונג און דעם אומדערמידלעכן ריטער פון דער יידיש־יידישער קולטור — דעם שרייבער מ ל ך ר אַ ו י ט ש , וועלכער האָט געהאָלפן דעם יובילאַר צו טראָגן פערזענלעך זיין פּאָ־עטיש וואָרט קיין קאַנאַדע און אַמעריקע.
אין דער איבערצייגונג, צו האָבן דערמיט דערפילט אַ וויכטיקע יידי־שע קולטור־שליחות, פּרעזענטירן מיר דאָ היינט פאַר דער ברייטער יידישער לייענער־וועלט די ערשטע פּרוכט פון אונזערע באַמיאונגען.

די אַרויסגעבער

ITZIK MANGER / Œuvres / Volume I
POESIES BIBLIQUES (Medrasch Itzik)

Illustrations par ARTHUR KOLNIK

Edité en l'honneur du 50e anniversaire du poète
par le **Comité Itzik Manger** (Paris-Genève)
auprès de l'Association des Ecrivains et Journalistes Juifs de France

Copyright by Author and Comité Itzik Manger

איציק מאַנגער | געזאַמלטע שריפטן
ערשטער באַנד | מדרש איציק

FROM THE LIBRARY
OF A. W. KLACHKO

הילע, שער־בלעטער, צייכנונגען און וויניעטן
פון אַרטור קאָלניק

150 עקסטרא־לוקס עקזעמפּלאַרן פֿון
„מדרש איציק", נומערירט פֿון 1 ביז 150
זענען געדרוקט געוואָרן אויף
Offset-Neige De Ruyscher
600 עקזעמפּלאַרן אויף ווײַסן Offset
זענען נומערירט פֿון 151 ביז 750

עקזעמפּלאַר נומער

Leon W. Meltzer
435 No. Poinsetta Pl.
Los Angeles, CA. 90036


חומש-לידער

אַ מתּנה מיין טאַטן, דעם קעסטליכן און פּירטרעפליכן שניידער־
מייסטער, הלל בר אברהם מאַנגער

ערשטע אויפלאַגע פון די "חומש־לידער": וואַרשע 1935

די לידער, וואָס זענען געזאַמלט אין דעם ביכל, זענען אַ שטיפּעריי
אַזאַ מיט די גרייז־גראָע בערד פון די אבות און מיט די שטערנטיכ־
לעך־עקן פון די אמהות.

אַן אינטערמעצא אַזאַ אויפן וועג צו דער געשטייגערטער באַלאַדעס־
קער וויזיע.

דער געניטער לעזער וועט זיך כאַפּן, אַז די לאַנדשאַפט, אין וועלכער
די חומש־געשטאַלטן באַוועגן זיך, איז נישט די כנענישע, נייערט
אַ סלאַווישע. איך האָב געטראַכט וועגן דער מיזרח־גאַליצישער.

די דאָזיקע לאַנדשאַפט מיט אירע ווערבעס פּאַזע וועג, אירע ווינשל־
סעדער און אירע מאָדנע שטילע דעמערונגען, ציטערט אין מיין
זכרון פון גאָר די פריעסטע קינדער־יאָרן.

אין דער רעם פון דער דאָזיקער לאַנדשאַפט האָט מיין טאַטע, אַלס
וואַנדערנדיקער שניידער־געזעלן, פאַרפאַסט זיינע פּורים־שפּילן און
זיי געשפּילט אין איינעם מיט זיינע חברים.

דאָס שעלמישע מיצל פונעם יידישן פּורים־שפּיל האָט מיר כסדר
געשוועבט פאַר די אויגן ביים שרייבן דאָס דאָזיקע בוך.

און די ליריש־פרומע פאַנטאָמימע פון דער מאַמען איבערן טייטש־
חומש.

אַ פּראָפּאָ דער לאַנדשאַפט:
אַ מאָל, אַ מאָל, אויף פּעריען אַוועק פון טשערנאָוויץ צום זיידן אויף אָפּרו.
אין דער בויד פונעם זיידן, דעם בעל־עגלה אברהם מאַנגער. דער אָוונט טונקלט, טונקלט. די וואָלקנס זענען קיין וואָלקנס נישט, נייערט משונה מאָדנע באַשעפעניש, וואָס הענגען און ליגן אויף די ווערבעס פּאַזע וועג און שרעקן דאָס קינדערשע געמיט.
אָ, זיסער גרויל פונעם קינדערשן געמיט! צי פירט מיך נישט דער זיידע צו דער עקידה?
דער זיידע האָט געהאַט טרויעריקע אויגן. זיין בייטש האָט געהאַט אַ רויטע טראָלד. אוןביים קאָשטן, וואָס איז געווען געשפּאַנט אין דער רעכטער זייט, איז געווען אָפּגעליפּעט אַ שטיק פּעל.

איין לויב דיר גאָט אין הימל לויב |
וואָס דו האָסט מיך טון שטערקן | אַז
איך זאָל מיט מיין שוואַכער האַנט |
פולענדן דיזעס ווערקן | איך האָב מיט
מי און גרויסן פלייס | די אבות טון
אויפוועקן | פון שמות און פון זילבערן
שטויב | וואָס האָט זיי טון איינדעקן |
זיי שטייען נון און זענען גרייט | אַלס
זיי נון מעכטן לעבן | און ווילן ליבער
לעזער דיר | איין שלום עליכם געבן |
נון זאָלסטו שטיל געדאַגן | זיי ווילן
דיר מיט הייליק מונד | פיל שיינע
וואונדער זאַגן | און דער דאָ האָט דאָס
בוך געמאַכט | האָט פילע צייט דערוף
פאַרבראַכט | איציק מאַנגער איז ער
גינאַנט | איין חייט אויס וואלאכיש לאַנד

חוה ברענגט אדמען דעם עפּל

אדם הראשון ליגט אין גראָז
און שפּייט צום וואָלקן אַרויף.
בעט זיך דער וואָלקן תחנונימדיק:
„אדמשי קרוין, הער אויף!"

שטעלט אים אדם אַרויס די צונג:
„כמאַרע קאַפּאַרע, אַבע!"
און ס'פּליט אַ דינער שטראַל — אַ שפּיי —
„און נאַ דיר, נעם און זע!"

דער וואָלקן ווישט מיט דער לאַפּע אָפּ
דעם שפּיי און ברומט פאַר כעס:
„אַז מען טוט נישט גאָרנישט גאַנצע טעג
און מען גייט אום פּוסט און פּאַס!"

אדם הראשון לאַכט און קייכט
און שטשירעט די ווייסע ציין,
קומט פון דער גרינער עפּל-אַליי
די מוטער חוה צו גיין.

„ווו ביסטו געווען, עוואַ מיין ווייב,
ווו ביסטו געווען, מיין קינד?"
„איך בין געווען אין דער פלוימען-אַליי
און געפּלוידערט מיטן ווינט."

„דו ביסט נישט געווען אין דער פלוימען־אליי,
דו זאָגסט מיר אַ ליגנט גאָר,
סע שמעקט דאָך מיט עפּל פון דיין לייב
און מיט עפּל פון דיינע האָר."

„כ'בין טאַקע געווען אין דער עפּל־אליי,
ס'אַר אַ שוואַכן זכרון איך האָב;
האָסט טאַקע געטראָפן, אדאַם מיין מאַן,
אַ לעבן אויף דיין קאָפּ."

„וואָס האָסטו געטון אין דער עפּל־אליי,
ווואַ מיין גאָלדענעם קינד?"
„איך האָב געפּלוידערט מיט דער שלאַנג
מכוח דער מיצווה זינד."

און ס'ציטערט דער עפּל אין איר האַנט
און פינקלט ווי שאַרלאַך רויט
און ס'שאָטנט אויס די דעמערונג
די תאווה און דעם טויט.

אדם הראשון פיבערט און קאָן
באין אופן נישט פאַרשטיין,
פאַר וואָס איר קול איז צוקערזים
און זי איז מלא חן.

ער שטרעקט מיט אַ ציטער אויס די האַנט.
— וואָס טוסטו, אדם, האַ?
די נאַכט לעשט ביידע געשטאַלטן אויס
און פתח שין מאַכט — שאַ.

אדם איז איפערזיכטיק

טרילערט אַ געל קאַנאַריקל
אויף אַ גן־עדן־בוים —
עפנט אדם די אויגן אויף
צווישן ליד און טרוים.

אַ רויטער זונשטראַל ציטערט
איבער דעם פייכטן גראָז
און ס׳יאָגן, יאָגן זיך נאָך אים
אַ וועווריק און אַ האָז.

אדם שמייכלט. נעבן אים
ליגט חוהלע זיין ווייב,
מיט גראָז און בלעטער צוגעדעקט
דאָס יונגע, שיינע לייב.

ער קוקט אויף איר און קוועלט,
ער קוקט אויף איר און טראַכט:
ס׳איז גוט וואָס ליכטיק איז ביי טאָג
און פינצטער איז ביי נאַכט.

ער הייבט זיך אויף און גייט,
אַרום אים רוישט און פליט,
און יעדער רויש און פלי
קלינגט אָפּ אין זיין געמיט.

נאָר האָרך! אַ וואַסער רוישט
דאָרט אונטן טיף אין טאָל.
אַ וואַסערל — און אדם ווערט
טיף טרויעריק מיט אַ מאָל.

ער האָט אין וואַסערל געזען
אַן אדם פונקט ווי ער —
וואָס וויל דער וואַסער־אדם, הא?
און ווער איז ער, ווער?

און אפשר טאַקע יאָ,
און אפשר איז דאָס וואָר,
אַז יענער אדם שפּילט זיך איצט
מיט חוהס בריסט און האָר?

ער לויפט צוריק. צי וועט ער זיי
איצט טרעפן זאַלבענאַנד?
אָט שטייט זי חוה און זי האַלט
אַ קוקאַווקע אויף דער האַנט.

זי פרעגט: „קוקאַווקע, זאָג,
צי בין איך באמת שיין —
צי האָב איך געפונען ביי מיין מאַן
טאַקע באמת חן?"

און אדם שטייט און הערט
און ווייסט נישט אַליין פאַר וואָס
ס'גלוסט זיך אַ פאַל טון צו דער ערד
און בליפּען אין טיפן גראָז.

אברהם אבינו מוסרט לוטן

„לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז — פע!
דו שיכורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פאַסט פאַר מאַנגער, דעם שניידערוק,
אָבער אסור נישט פאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זיין
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייד אַ גביר.

האָסט שאָף און רינדער און ציגנבעק;
פאָלג מיך און פאַרכט זיך פאַר גאָט,
אויף יעדן ערל, וואָס זשליאָקעט זיך אָן,
זאָגט מען שוין: שיכור ווי לוט.

כ'פאַרשטיי, מען מאַכט אַ כוסע אַ מאָל
פרייטיק צו נאַכטס ביים טיש,
ווען סע ברענען די הייליקע שבת-ליכט
און מען עסט די געפילטע פיש.

אָבער נישט ווי דו, טאָג-איין טאָג-אויס.
ווי ווערט דאָס אַ מענטש נישט מיד!
סע פאַסט פאַר האַורילע, דעם שבת-גוי,
אָבער אסור נישט פאַר קיין ייד.

באטראַכט זיך וואָס וועט מען זאָגן אַ מאָל:
סע האָט האָט אבינו געהאַט
אַ קרוב אַ שיכור און וואָס אין דער קאָרט,
וואָס דאָס איז נאָך ערגער פון שמד.

און אַז מען שמועסט שוין, הער זשע מיך אויס,
ביסט דאָך אַ טאַטע — ווי איז צו מיר,
צי אַרט דיך נישט, וואָס דער שדכן ווייכט
ווי אַן עיפּוש דיין שוועל און דיין טיר?

וואָס אפילו דער מינדסטער שניידעריונג
וויל נישט דיין איידעם זיין
און ביי דיינע טעכטער זילבערן די צעפּ
— און אַלץ איז כדאי צוליב ווייַן?

לוט, איך מוז דיר זאָגן ס'איז — פּע!
דו שיכורסט אַ יעדע נאַכט,
ערשט נעכטן האָסטו אין „גאָלדענעם הערש"
אַזאַ וויסטן סקאַנדאַל געמאַכט.

דאָס פּאַסט פאַר מאַנגער, דעם שניידערוק,
אָבער אסור נישט פאַר דיר,
האָסט צוויי טעכטער מגדל צו זיין
און ביסט קיינעהאָרע אַ ייד אַ גביר."

לוטס טעכטער

די טעכטער פון לוט זיצן אין קיך
און שושקען זיך שטילערהייט.
איינע פליקט אַ געקוילעטע גאַנדז,
די צווייטע פאַרריכט אַ קלייד.

זאָגט די ערשטע: „היינט אַכט טאָג
בין איך געוואָרן פערציק יאָר,
און היינט האָב איך אין שפּיגל דערזען
די ערשטע גראָע האָר.

דער טאַטע כאָליעט איבער אין שענק
און די יאָרן אַנטלויפן גיך
און סע וואַרטן אומזיסט אין קליידערשאַנק
מיינע ווייסע חופה־שיך.״

דער צווייטער פאַלט די נאָדל פון האַנט
און זי זיצט אַ רגע פאַרטראַכט:
„שוועסטער, סע פיבערט אונטער מיר
דאָס ליילעך אַ יעדע נאַכט.״

איר אָטעם ברענט: „איך האָב אַ מאָל
אַזאַ שיינעם חלום געהאַט —
גענעכטיקט האָט צווישן מיינע בריסט
אַ יונגער בלאָער סאָלדאַט.

ער איז אַוועק. און אפילו אין טרוים
באַווייזט ער זיך שוין נישט מער,
גלייך ס׳וואָלט אין אונדזער גאַרניזאָן
נישט געשטאַנען קיין מיליטער.״

זאָגט די ערשטע: „שוועסטער, דו הערסט,
ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ פּלאַן:
— קומען נישט קיין חתנים צו אונדז,
איז אַ טאַטע אויך אַ מאַן.״

אירע באַקן גליען, איר אָטעם בריט
און ס׳ציטערט, ציטערט איר שטים:
„שוועסטער, נאָך די היינטיקע נאַכט
וועל איך ליגן ביי אים.

און מאָרגן דו. ער איז סיי ווי סיי
כסדר שיכור ווי לוט,
און די מאַמע איז אַ טאָלפּן זאַלץ
אין סדום, דער פאַרשאָלטענער שטאָט.״

זיי פיבערן. אַרום דעם לאָמפּ
אַ שפּעטער שמעטערלינג פליט —
„שוועסטער, זיי גרייט, דער טאַטע גייט
מיט וואַקלדיק-שווערע טריט...״

אברהם און שרה

„אוורעמל, ווען וועלן מיר האָבן אַ קינד?
מיר זענען ביידע שוין אַלטע לייט.
ביי לייטן אַ פרוי אין די יאָרן ווי איך
איז שוין דאָס אַכצנטע מאָל אויף דער צייט."

אברהם אבינו שמייכלט און שווייגט
און פיפקעט פון זיין ליולקע רויך:
„בטחון, מיין ווייב. אַז דער אייבערשטער וויל,
שיסט אפילו אַ בעזעם אויך."

„אוורעמל, דו הערסט, אַ יעדע נאַכט
הער איך ווי ס'כליפעט מיין לייב,
און הגר איז דאָך נאָר דיין דינסט
און איך בין דיין אמתדיק ווייב.

אָפט דאַכט זיך מיר, אַז דער שטערן אין שויב
איז די נשמה פון אונדזער קינד,
וואָס וואָגלט אַרום אַ יעדע נאַכט
צווישן רעגן, שאָטנס און ווינט."

אברהם אבינו שמייכלט און שווייגט
און פיפקעט פון זיין ליולקע רויך:
„בטחון, מיין ווייב. אַז דער אייבערשטער וויל,
שיסט אפילו אַ בעזעם אויך."

„אַז איך זע אַ מאָל, ווי הגרם קינד
שפּילט זיך מיט דער זון אין זאַמד,
און איך גיב אים איבערן קעפּל אַ גלעט,
ווערט מאָדנע טרויעריק מיין האַנט.

און אַז איך נעם דאָס קינד צו זיך אויפן שויס
און סע שמייכלט אַזוי קלוג און גוט,
ווערן מיינע אויגן פייכט און גרויס
און ס׳ווערט מאָדנע טרויעריק מיין בלוט.

אַווּרעמל, ווען וועלן מיר האָבן אַ קינד?
מיר זענען ביידע שוין אַלטע לייט.
ביי לייטן אַ פרוי אין די יאָרן ווי איך
איז שוין דאָס אַבצענטע מאָל אויף דער צייט.״

אברהם אבינו שמייכלט און שווייגט
און פּיפּקעט פון זיין ליולקע רויך:
„בטחון, מיין ווייב. אַז דער אייבערשטער וויל,
שיסט אַפילו אַ בעזעם אויך.״

די דריי מלאכים קומען צו אברהם אבינו

אברהם אבינו זיצט אויף דער שוועל
און שניצט זיך אַ טייטל פון ביין,
ציטערט פון טונקלען אַלקער אַרויס
דער מוטער שׂרהס געוויין.

„בהמה, שאַ! נו הער שוין אויף!
נאָר רק זי וויינט און וויינט,
זי האָט שוין מסתמא ווידער אַ מאָל
די צאינה-וראינה געליינט.‟

ער ווישט מיטן טיכל די אַלטע בריל
און זעט ווי ס׳טונקלט דער וועג —
אָט ווי אַ שאָטן און ווי אַ רויך
פאַרגייען אונדזערע טעג.

און פון דער טונקל שיילן זיך אויס
דריי טערקן מיט רויטע בערד —
זיי גייען שטיל, אָן שטויב אויף די שיך,
ווי ס׳וואָלט קיינער נישט געהערט.

„גוטן אָוונט, אורחים, קומט אַריין!
מיין שׂרה האָט אָנגעגרייט
רייז מיט מילך און קימלברויט,
איר קומט מסתמא פון ווייט.‟

די אורחים זעצן זיך ביים טיש
און שמועסן פון דער וועלט,
פון קינדער, וואָס מען דאַרף מגדל זיין,
פון תבואה, וויין און געלט.

די מוטער שרה שטייט און הערט
און שיסט אוים מיט אַ געוויין:
„אָן אַ קדיש, אַווּרעמל, דו הערסט,
וועט פוילן אונדזער געביין.״

זאָגן די אורחים: „יאָ, רב אַוורום,
נאָך איידער דאָס יאָר פאַרשווינדט,
וועט איר פראַווען דעם אמתן ברית
און זיין אַ טאַטע צו אייער קינד.״

די טערקן פאַרשווינדן. דורך דער שטוב
פלאַטערט פאַרביי די פרייד,
און ס׳בלישטשעט אַראָפּ די גילדענע בראָש
פון איר סאַמעט-בלאָען קלייד.

אברהם אבינו פּראַוועט אַ שלום־זכר

די שיר-המעלותן לייכטן
אַראָפּ פון אַלע ווענט,
צען יידן אין סויבלענע שטריימלעך
פליעסקען מיט די הענט.

„אַי בים-באַם, בים-באַם, טאַטע,
אַי דאַי-דאַם, דאַי-דאַם, דאַי...״
זיי זינגען דעם הייליקן ניגון
פון דעם רבין פון טערקיי.

זיי עסן געזאָטענעם אַרבעס
און טונקען אין ביר די בערד:
„רב אברהם, פלאי פלאים,
אַ נס, אַ נס באַשערט.״

אברהם אבינו שמייכלט
אַריין אין דער גראָער באָרד.
ער הערט ווי יצחקל פישטשעט
הינטער דעם ליילעך דאָרט.

ער פאַרמאַכט אַ רגע די אויגן
און זעט: די דריי טערקן גייִן,
זיי האַלטן זיך אָן די פעדעם
פון דעם קינדס געוויין.

אַט טרייסלען זיי אַפּ די שטויבן
פון די קליידער און די שיך,
און אַט קושן זיי די מזוזה
און זאָגן אַפּ אויף גיך:

„מזל-טוב, רב אברהם,
איר גערענקט מסתמא די נאַכט,
ווען אייער פּלוניתטע שרה
האָט פון אונדז געלאַכט.״

און נאָך איידער אברהם זאָגט זיי:
„ווילקאָמען, ליבע געסט!
זעצט אייך צום טיש אַנידער
און טרינקט און זינגט און עסט״ —

פאַרהייבן די טערקן די פּאָלעס
און זענען אוים די צייט —
אברהם עפנט די אויגן:
„ווו זענען די פרעמדע לייט?״

„גאָט איז מיט אייך, רב אברהם!
אַי דאַי-דאַם, דאַי-דאַם, דאַי,
זינגט בעסער מיט אונדז דעם זמר
פון דעם רבין פון טערקיי.״

צען יידן אין סויבלענע שטריימלעך
פּליעסקען מיט די הענט,
די שיר-המעלותן לייכטן
אַראָפּ פון אַלע ווענט.

שרה זינגט יצחקלען אַ שלאָפליד

די מוטער שרה וויגט די וויג:
שלאָף, יצחקל טאַטע, שלאָף!
עס פּאַשעט אויף דער לאָנקע
דער פּאַסטוך זיינע שאָף.

זאָגט איין שעפּעלע: ס'איז טאָג,
דאָס צווייטע זאָגט: ס'איז נאַכט.
אַ סימן: בערל דער צעלניקער
האָט די קראָם פאַרמאַכט.

אַ סימן: ביי דוד-בער דעם שמיד
איז איצטער שאַ און שטיל,
אַ סימן: לייזער דער מילנער דרייט
די וואָנצעם פאַר דער מיל.

זאָגט דאָס ערשטע: ניין, ס'איז טאָג.
אַ סימן: אין גאונס קלויז
לערנט דאָס ראַבע קאָטערל
די סדרה מיט דער מויז.

אַ סימן: אויפן חזנס דאַך
פּאַשעט דעם שניידערס ציג,
און יצחקל דער קליינער ליגט
און שלאָפט נאָך נישט אין וויג.

זאָגט דאָס פֿאַסטוכל: נו מאַ,
טאָ לאָמיר אַלע גיין
און פֿרעגן, צי ס׳איז טאָג צי נאַכט,
ביי יצחקלען אַליין.

נו איי־ליו ליו־ליו יצחקל,
נו איי־ליו ליו־ליו שלאָף,
עס שטייען שוין ביי אונדזער טיר
דער פֿאַסטוך און די שאָף.

נו שטילער, שטילער, פֿאַסטוכל,
דו זעסט דאָך, אַז ס׳איז נאַכט.
אַ סימן: יצחק אבינו האָט
די אייגעלעך פֿאַרמאַכט.

אַ סימן: זיבן טראָפּנס טוי
בלישטשען אויף דעם מאָן
און ס׳שלאָפֿן אויף דער סידעלע
די קוואָטשקע און דער האָן.

זאָגט דאָס פֿאַסטוכל: נו מאַ,
און גייט מיט שטילע טריט
און נעמט אין קליינעם פֿייפֿל מיט
דער מוטער שרהס ליד.

הגרס לעצטע נאַכט ביי אברהמען

די שיפחה הגר זיצט אין קיך,
אַ רויכיק לעמפּל ברענט
און שאָטנט סאַמע קעץ און מייז
אויף אַלע גראָע ווענט.

זי וויינט. סע האָט דער באַלעבאָס
איר היינט געהייסן גיין.
„קליפּה, האָט ער איר געזאָגט,
דו טרעטסט מיך אָפּ, צי ניין?"

סורציע די פּושקע־גאַבעטע
האָט אים שוין ווידער אָנגערעדט:
„אָדער דו טרייבסט די דינסט אַרויס,
אַז נישט וויל איך אַ גט."

און הגר נעמט פון קופערט אַרויס
אַ בייטשל קרעלן ווי בלוט,
אַ פאַרטעכל פון גרינעם זייד
און אַ שטרויענעם זומערהוט.

די זאַכן האָט ער איר געשענקט,
אַ מאָל ווען זיי זענען געגאַן
שפּאַצירן איבער דער לאָנקע,
דאָרט, ווו עס גייט די באַן.

„אוי, אַזוי ווי אַ רויך פון אַ קוימען
און אַזוי ווי אַ רויך פון אַ באַן,
אַזוי איז, מאַמע געטרייע,
די ליבע פון אַ מאַן.

ווו וועל איך מיך איצט אַהינטון
מיטן פיצל קינד אויף די הענט?
סיידן נעמען זיין בענקאַרט
און גיין דינען אין דער פרעמד.‟

זי נעמט אין דער האַנט דעם בעזעם
און קערט צום לעצטן מאָל די שטוב
און עפּעס אונטער דער בלוזקע
פילט, אַז ס׳האָט אים נאָך ליב.

זי וואַשט נאָך איין מאָל די טעלער
און שייערט די קופּערנע פאַן —
אַזוי ווי אַ רויך פון אַ קוימען
איז די ליבע פון אַ מאַן.

הגר פאַרלאָזט אברהמס הויז

די בלאָקייט טאָגט אין פענצטער,
דער האָן האָט דריי מאָל געקרייט,
אין דרויסן הירזשעט דאָס פערדל
אין ווייטן וועג געגרייט.

הגר שטייט אַ פאַרוויינטע
מיטן קינד אויף די הענט
און ס'וואָגלען אירע אויגן
צום לעצטן מאָל אויף די ווענט.

דער בעל־עגלה דינגט זיך אין דרויסן
מיט אברהמען וועגן דעם לוין:
„לייגט צו, ר' אברהם, אַ זעקסער,
ס'זענען דאָך צוויי פאַרשוין."

ס'פערד שאַרט מיט די פּאָדקאָוועס
ווי ס'וואָלט געטענהט: אָן עק!
אָט וועל איך אייך וויזן, יידן,
ווי מען לערנט בלק אַ וועג.

„ווייַן נישט, ישמעאליקל טאַטע,
אַזוי איז אונדז שוין באַשערט,
אָט אַזוי פירן זיך די אבות
מיט די לאַנגע פרומע בערד."

זי זעט זיך שוין אַ פֿאַרלאָזטע
אויף אַ ווייטן פֿרעמדן וואָקזאַל
און זי כליפּעט אירע טרערן
אַריין אין דעם טערקישן שאַל.

„הגר, גענוג שוין געיעלהט,
דו הערסט וואָס מען זאָגט, צי ניין!"
און הגר נעמט דאָס פּעקל
און לאָזט צו דער פֿור זיך גיין.

אָט שטייט ער אין זיידענעם קאַפּל,
רב אברהם דער פֿרומער ייִד —
„צי פֿילט ער כאָטש, מאַמע געטרייע,
מיין ביטער דערשלאָגן געמיט?"

דאָס בייטשל קנאַלט: לסוסתי!
און פֿאַר איר פֿאַרטרערטן בליק
שאַרן די הייזער פֿון שטעטל
פּאַמעלעך זיך אויף צוריק.

און הגר נעמט פֿאַר אַן עדות
דעם הימל און די ערד:
אָט אַזוי פֿירן זיך די אבות
מיט די לאַנגע פֿרומע בערד.

הגר אויף דער מיט פון וועג

הגר זיצט אַ פאַרוויינטע
אין מיטן וועג אויף אַ שטיין
און פרעגט ביי אַלע ווינטן
ווו זי זאָל ווייטער גיין.

זאָגט איינער: גיי קיין מיזרח,
דער צווייטער — קיין מערב גאָר,
און דער דריטער, אַ וואַזשנע שטיפער,
שטיפט אין אירע האָר.

פרעגט זי ביי די פייגל,
וואָס פליען אַהין און אַהער.
זאָגט איינער: גיי קיין צפון,
און: גיי קיין דרום — דער.

וויינט הגר: „טאַטע אין הימל,
כ'האָב יאָרן געטריי געדינט,
און איצט טוען פון מיר שפעטן
דער פויגל און דער ווינט.“

און הגר הייבט אויף די אויגן
און דערזעט אַ קאַראַוואַן,
פאַרוים אין אַ גרינעם מאַנטל
גייט דער טערקישער סולטאַן.

ער קומט צו איר נענטער, נענטער
און זאָגט מיט אַ פעסטער שטים:
„זאָג, צי דו ביסט הגר,
די שיפחה פון איבראַהים?

און דער קליינער פּעמפּיק
איז ישמעאל מן־הסתם,
דער נביא האָט געטון אונדז מעלדן,
אַז מיר שטאַמען פון זיין שטאַם.”

און ער פאַלט פאַר איר אַנידער
און קניט פאַר איר אין שטויב:
„מיר האָבן דעם יחוס געפונען,
אַלאַה, אַלאַה אַ לויב!”

און הגר זיצט אַ פאַרוּוירטע
און ווייסט נישט צי ס'איז וואָר.
און אַ זילבערנע האַלב־לבנה
פינקלט אין אירע האָר.

די מוטער שרה האָט אַ שווער געמיט

די שטילע שבת-דעמערונג
טונקלט מיד אין שויב —
אין דער פינצטער ליכטיקט נאָר
דער מוטער שרהס הויב.

זי שעפּטשעט מיט די ליפּן שטיל,
פאַרכטיק, צאַרט און פרום:
„אוי, גרויסער גאָט אין הימל דו,
גאָט פון אַוורום,

פון יצחק און פון יעקבן,
באַהיט אין דיינעם לויב
דאָס ווערעמל דאָס נישטיקע,
וואָס פּויזעט אום אין שטויב,

און דאָס קליינע מייזעלע
אין זיין מויזנלאָך —
און באַשער פאַר כל ישראל
אַ גוטע פולע וואָך!"

אין אירע אַלטע אויגן בליצט
אַ טרער און ציטערט שטיל
און שרה הערט ווי ס'פרעגט די טרער
ביים שאָטן אויפן דיל:

„איז טאַקע אמת, אַז אַוורום
וויל מקריב זיין זיין קינד ?
און אויב יאָ — פאַר וואָס, פאַר ווען
און פאַר וועלכע זינד ?"

זאָגט דער שׂטן : „שטילער, פּסס...
די מוטער שׂרה הערט !
זיי וויסן, נאַר, נישט יעדן ייד
איז אַזאַ גליק באַשערט."

די מוטער שׂרה ווערט אין כעס :
„אויף מיינע שונאימס קעפּ!"
און וואַרפט דעם שׂטן און די טרער
אַראָפּ פון אַלע טרעפּ.

און מיט שטילע ווייכע טריט
גייט זי צום וויגל צו :
„באַהיט, באַשיץ מיין יינגעלע,
טאַטע אין הימל דו !"

אברהם אבינו
שאַרפט דאָס מעסער

די מוטער שרה אין איר ווייסער הויב
זיצט אויף דער פריזבע פאַרטראַכט,
איר נחת ווי אַ יונגע שוואַלב
פלאַטערט איבערן דאַך.

יצחקל, איר אויג אין קאָפּ,
שפּילט זיך אין געלן זאַמד
און ס'נידערט פון די נאָענטע בערג
אַ בלאָע נאַכט אין לאַנד.

זי שמייכלט: שוין אַ חודש צייט,
זינט הגר איז אַוועק
מיט איר ממזרוק ישמעאל,
אויף יענעם שמאָלן וועג.

זי קוקט אויף יצחקלען און קוועלט:
ס'איז חלום צי ס'איז וואָר —
ער איז דער טאַטע אויסן אויג,
זיין נאָז און זיינע האָר.

און קיינעהאָרע ווי ער וואַקסט,
ער גרייכט שוין ביז די קני,
און ווי חנעוודיק ער זאָגט:
„מאַמעליו, וויל פּי פּי.״

נאָר וואָס איז מיט אַוורומציען היינט?
ער זיצט אין הויף אַליין
און שאַרפט פון זינט נאָך וואַרעמעס
דאָס מעסער אויף אַ שטיין.

ס'ציטערט אים די גראָע באָרד
און ער מורמלט מאָדנע רייד:
„ווילסט מיר טון אַ זביטקע, גאָט?
איז מילא, איך בין גרייט."

און פון דעם נאָענטן עפּלסאָד
פאַרשמעקט מיט צוויט און ווינט,
מיט אַ־אַ־אַ און איי־ליו־ליו,
וואָס שלעפערט איין אַ קינד.

און מיטן מעסער אין דער האַנט
שטייט אַוורום און ער הערט,
ווי ס'נעמט דאָס שטילע וויגנליד
אַרום די גאַנצע ערד.

אברהם אבינו פֿאָרט מיט יצחקן צו דער עקידה

די גראָע מאָרגן־דעמערונג
דעמערט איבער דער ערד,
דער אַלטער געטרייער אליעזר שפּאַנט
אין וואָגן די קאַרע פֿערד.

אברהם טראָגט אויף זיינע הענט
זיין בן־זקונים אַרויס,
אַ פֿרומער בלאָער שטערן בליצט
איבער דעם אַלטן הויז.

„היידאַ אליעזר!" — דאָס בייטשל קנאַלט
און אָט זילבערט זיך דער שליאַך.
(טרויעריק און שיין, זאָגט דער פּאָעט,
זענען די וועגן פֿון תנ"ך).

די גראָע ווערבעס פּאַזע וועג
אַנטלויפֿן אויף צוריק,
אַ קוק טון, צי די מאַמע וויינט
איבער דער פֿוסטער וויג.

„וווּ פֿאָרן מיר איצטער, טאַטעשי?"
„קיין לאַשקעוו אויפֿן יריד."
„וואָס וועסטו מיר קויפֿן, טאַטעשי,
אין לאַשקעוו אויפֿן יריד?"

„אַ זעלנערל פון פּאָרצעליי,
אַ פּייקל און אַ טרומייט
און פּאַר דער מאַמען אין דער היים
אַטלעס אויף אַ קלייד.״

אברהמס אויגן ווערן פייכט,
ער פילט ווי דאָס מעסער בריט
אונטער דער זשופּיצע דאָס לייב:
— שוין איין מאָל אַ יריד...

„אליעזר, ביי דער וואַסערמיל
דאָרט זאָלסטו בלייבן שטיין!
פון דאָרט וועל איך מיט יצחקלען
צו פוס שוין ווייטער גיין.״

אליעזר אויף דער קעלניע ברומט
און קוקט אַלץ אויפן שליאַך.
(טרויעריק און שיין, זאָגט דער פּאָעט,
זענען די וועגן פון תנ״ך).

אברהם שיקט אליעזרן
זוכן פאַר יצחקן אַ ווייב

„אליעזר, מיין אַלטער געטרייער קנעכט,
נעם דעם שטעקן אין דער האַנט,
שפּאַן איין דיינע אַלטע געטרייע פּיס
און לאָז דיך איבערן לאַנד!

זוך אויס פאַר מיין יצחקלען אַ ווייב,
זי זאָל זיין איינע אין דער וועלט,
שיין זאָל זי זיין ווי די זון ביי טאָג
און זי זאָל האָבן אַ קניפּל מיט געלט!

ווייל יצחקל איז מיין אויג אין קאָפּ,
איך האָב אים קוים אויסגעוויינט.
דו ווייסט עס אַליין, מיין געטרייער קנעכט,
ווייל דו האָסט עס אין חומש געליינט."

דער אַלטער אליעזר באַמקעט: „יאָ"
און שמייכלט אין דער באָרד אַריין
און שטופּט אין אַלטן רוקזאַק אַריין
צוויי פלעשער מיט רויטן וויין,

די רעטשעניע קיכלעך באַשיט מיט מאָן,
וואָס מען האָט פאַר אים אָנגעגרייט,
צען האַרטע אייער, אַ געבראָטן עוף —
דער וועג איז לאַנג און ברייט.

„רב אברהם, אַ גוטן!‟ — און ער גייט;
אין דרויסן דעמערט דער שליאַך.
די דעמערונג איז בלאָ און קיל,
ווי ס׳טרעפט זיך אין תנ״ך.

אברהם אבינו קוקט אים נאָך
און זעט ווי דער קנעכט פאַרשווינדט
צווישן די וויינשלביימער אין טאָל
אויף די פליגלען פונעם ווינט.

פלאַטערט די מוטער שרה פאַרביי
און איר שטערנטיכל לייכט:
„אַוורעמל, מזל-טוב!‟ — און פאַרשווינדט.
זיינע אויגן ווערן טריב און פייכט.

און ס׳פלאַטערט זיין אַלטע, גראָע באָרד
ווי, להבדיל, אַ טיכל אין ווינט:
„מזל-טוב, שרה! נישט געווען באַשערט,
זאָלסט פירן צו דער חופה דיין קינד.‟

ער נעמט פון דער זשופּיצע ס׳חומשל אַרויס,
און לייענט די סדרה אויף אַ קול:
„חיי שרה‟ — אַ שטערן פאַלט
און ווערט געניזוקט טיף אין טאָל.

אברהם אבינו פאַרטראַכט זיך און שווייגט
די אויגן געווענדט צו דעם שליאַך.
די נאַכט איז בלאָ און סאַמעטן-קיל,
ווי ס׳טרעפט זיך אין תנ״ך.

אליעזר רעדט מיט רב בתואל

אליעזר גלעט די ווייסע באָרד
און רעדט בנעימותדיק שטיל:
„איז טאַקע אייער אייגנס, רב בתואל,
אָט דער פּאָלוואַרק און די מיל?"

ער מישט מיטן לעפעלע די טיי
אַ זופּ — אַ־אַ! סע ברית!
און בתואל טראַכט אין האַרץ ביי זיך:
איי, אַ טשודאַק אַ ייִד!

נאָר רק ער פרעגט דאָס אייגענע,
גלייך ס'וואָלט אים ווער גענאַרט,
„אוודאי אייגנס" — ער שמייכלט זיס,
גלייך ס'וואָלט אים נישט געאַרט.

„נו מאַ, אברהם מיין באַלעבאָס
איז אויך נישט קיין אָרעמאַן,
און כאָטש ער פאַרמאָגט אַ צאַצקע אַ זון,
גיט ער כך וכך נדן."

ער מישט מיטן לעפעלע די טיי
אַ זופּ — אַ־אַ! סע ברית —
רב בתואל ווערט כמעט אין כעס:
איי, אַ טשודאַק אַ ייִד!

נאָר רק ער טענהט דאָס אייגענע
דאָס אייגענע און אָן אַ שיעור,
גלייך ער וואָלט, חלילה, נישט געגלייבט,
אַז רב אברהם איז אַ גביר.

אליעזר קוקט אויף דער מיזרח־וואַנט
און זעט ווי דער ווילנער גאון
ווינקט אים מיטן רעכטן אויג
און הייסט אים דעם שידוך טון.

איז, הייסט עס, דאַרף מען גיין אויף פּאָטשט
און קלאַפּן אַהיים אַ דעפּעש:
„רב בתואל מסכים... כלה האָט
בעטגעוואַנט, צירונג און וועש".

הינטער דער טיר שטייט רבקה און הערט
און ציטערט פאַר פּחד און פרייד,
זי זעט זיך אונטער דער חופּה שוין
אין אַ ווייסן חופּה־קלייד.

און אָט טוט ער איר אָן דאָס פינגערל
און זי זופּט פון זיין בעכער ווין:
— אָ ליבער מאַנד אין הימל, זאָג,
צי וועל איך כאָטש גליקלעך זיין?

זי שווייגט אַ רגע און זי זעט,
ווי איבער דעם נאָענטן וואַלד
ציטערט אַ גילדענער שטערן שטיל
אַ רגע... און ער פאַלט.

אברהם אבינו באַקומט אַ בריוו

יצחק אבינו שפּאַצירט אין פעלד
געלאַסן, ערנסט און פרום,
און זעט ווי ס'פּאָרט זיך אַ שמעטערלינג
מיט אַ בלאָער קאָרנבלום.

אַ רגע... צוויי... און נישטאָ אים מער,
ער איז שוין העט, העט, העט —
„צי וועט כאָטש געבן דער שאַרלאַטאַן
דער אָרעמער בלום אַ גט?״

אין יצחקס אויגן פינקלט אַ טרער:
ס'איז פול מיט זינד די וועלט!
און ער גייט מיט פּאַמעלעכע טריט
צו זיין טאַטנס געצעלט.

אברהם אבינו שטייט אויף דער שוועל
און שמועסט מיטן פּאָטשטיליאָן,
וואָס האָט געבראַכט אַ פאַרזיגלטן בריוו
פאַר אַבראַהאַם תרחזאָהן.

אליעזר שרייבט, דער געטרייער קנעכט,
אַז אַלצדינג איז אָלרייט,
די כלה איז שיין און האָט נדן
און גאָר אין אַ קורצער צייט

וועט ער זי ברענגען צו פירן אַהער
מיט קעמלען, צירונג און געלט,
רבקה הייסט זי, איר קאָכן פיש
האָט אַ שם אויף דער וועלט.

אברהם אבינו שמייכלט און גיט
דעם פּאָטשטיליאָן אַ באַקשיש —
זינט שרה, זאָל זיך מיען, איז טויט,
האָט ער נישט פאַרזוכט דעם טעם פון פיש.

ער פאַרמאַכט די אויגן און ס׳איז אים גוט,
ער הערט ווי זיין יצחקל ציט
דעם גמרא־ניגון — „געלויבט צו גאָט,
ער וואַקסט כאָטש אַ פרומער ייד.״

„אמר אַביי״ — איי ווי זים.
אַ שטראַל פונעם זונפאַרגאַנג
שטיפט אַרום אין זיין גראָער באָרד
און ציטערט אַ רגע לאַנג...

יצחק אבינו פֿאַרהערט זיינע בנים
שבת נאָכן טיש

יצחק אבינו אין זיידן כאַלאַט
גייט איבער דער שטוב אַרום
און ברומט זיך צו אַ ניגונדל,
אַ ניגונדל ערנסט און פֿרום.

דעם ניגון האָט דער טאַטע נאָך
אים געזונגען ביי דער וויג,
בעת די מוטער שרה אין שטאַל
האָט געמאָלקן די ווייסע ציג.

„טשירי בים באָם, טשירי בים באָם,
איי, טאַטע אין הימל, הער,
ווי אין דעם ניגון ציטערט פֿרום
דעם הייליקן טאַטנס טרער.״

די פֿענצטער זענען צעעפֿנט ברייט,
ס׳איז שבת נאָכן טיש,
סע גריזשעט נאָך די פֿעטע קאַץ
די ביינדלעך פֿון די פֿיש.

„געלויבט צו גאָט, שוין אָפּגעבענטשט.
איצט, רבקה, זיי נישט אין כעס
און רוף מיר די קליינע חברה אַריין,
גענוג שוין געוואַיוועט אין גאַס.״

„קום, עשול, צום טאַטן אַהער!
זאָג, וואָס פאַר אַ סדרה גייט?"
עשו שווייגט, גלייך נישט צו אים
וואָלט מען גערעדט די רייד.

ער האַלט אין דער רעכטער קליינער האַנט
אַ רויטן קאָלדרע־קנאָפּ
און רבקה זעט באַשיינפּערלעך:
ער האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ.

„איצט, יעקבל, ווייז וואָס דו קענסט!"
און יעקב אבינו קנאַקט
די סדרה ווי אַ לאָשעקל
איבער דעם ברייטן טראַקט.

רבקה שטייט ביים אויוון פרום
און הערט זיך צו און קוועלט,
זי זעט דעם שכר שוין אָנגעגרייט
פאַר זיך אויף יענער וועלט.

און אויף יעקבס עילוי־קאָפּ
פאַלט איר צאַרטער בליק
און דורך דער שבת־שטילקייט זשומט
אַ גרויסע בלאָע פליג.

יעקב קויפט אָפּ די בכורה ביי עשון

„שויעטע, עשו, זיי אַזוי גוט,
קום אויף אַ ווייל צו מיר אַריין,
כ׳האָב ערשט פונעם קעלער אַרויפגעבראַכט
דעם אמתן עמער מיט וויין.״

עשו קראַצט די פּאָטילניצע
און ספקט: גיין צי ניט?
צי נאַרט נישט אָט דער יאַנקל אָפּ,
דער קליינער, כיטרע זשיד?

נאָר אַז יעקב גיסט דעם בעכער אָן
און האַלט אים אַנטקעגן דער זון,
טראַכט עשו, אַז דער וויין איז רויט,
נאָך רויטער פון דער זון.

„דאַי באָזשע, יאַנקל!״ און עשו טרינקט;
„דאַי באָזשע!״ — אַז ס׳זאָל דיר זיין! —
טראַכט יעקב און שמייכלט כיטרע און פרום
אין זיין שוואַרצער באָרד אַריין.

און עשו טרינקט אַ כוס נאָך אַ כוס
און אָט שטייט שוין דער צענטער אין קאָן,
„יאַנקל, דאַוואַי, צום פאַרבייסן דאַוואַי
אַ המן־טאַש מיט מאָן!״

שמייכלט יעקב: „אַ המן־טאַש גאָר,
ס'איז דען פּורים, גויאישער קאָפּ?
מילא, דער וויין יאַק ווי דער וויין,
נאָר פאַר דער שיסל מיט באָב,

וואָס כ'האָב מיר אויף וועטשערע אָנגעגרייט,
דערלאַנג מיר די בכורה אַהער!
אסור צי אַ צוויטער ייד
וועט דיר געבן מיט עפּעס מער.”

נעמט עשו אַרוים פון דער פאַזוכע
די בכורה — יאָ צי ניין?
נאָר אַז ער דערפילט, אַז די שיסל מיט באָב
לאָזט אים נישט פון הינען גיין,

זאָגט ער: „נאַ!” און יעקב באַהאַלט
די בכורה אין זילבערשאַנק,
און עשו כראָמטשענדיק דעם באָב
פילט, אַז עס טוט אים באַנג.

און ער פילט ווי ס'וואַקסט די שינאה אין אים
און ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס,
ער שליידערט די ליידיקע שיסל אַוועק
און צעשמעטערט דאָס ליידיקע גלאָז...

יעקב נאַרט אויס די ברכה ביי יצחקן

„רבקה סערדצע, ווּ איז אַצינד
עשו, מיין ליבער זון?"
„בלינדער יאָץ, אָט שטייט נעבן דיר
עשו, דיין ליבער זון!"

און רבקה טוט יעקבן אַ שטויס:
„וואָס שטייסטו, לעמעך, וואָס?
גיי זאָג, דו האָסט פאַרן טאַטעשי
געשאָסן אין פעלד אַ האָז.

אַ האָז, אַ העזל, אַ ציגנבאָק —
גיי, קינד, און נישט פאַרגעס,
דו ווייסט דאָך, אַז דער טאַטעשי
האָט זייער ליב דעם פרעס.

ווּעסטו ביי אים געפינען חן
און די ברכה אויפן וועג.
נו גיכער! איידער עשו שטינק
וועט קומען פון געיעג."

יעקב אבינו שטייט אַ ווייל
און טראַכט: אַן עק, אַ סוף!
דער חלום שטעלט שוין אויפן וועג
די לייטער צום הימל אויף

און אויפֿן ברונעם אין דער פֿרעמד
ליגט שוין דער שווערער שטיין
און בײדע שוועסטער אַמפּערן זיך,
ווער ס׳זאָל נאָך וואַסער גיין.

יצחק אבינו שמייכלט זיס:
„עשו, מיין גאָלדן קינד —
דו וואָס ביזט פֿלינקער פֿאַרן הערש
און שנעלער פֿאַרן ווינט —

וואָס האָסטו פֿאַר דיין טאַטעשי
איצט פֿון געיעג געבראַכט?
דו ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע שלאָפֿט,
פֿאַסט ער אַ גאַנצע נאַכט.“

יעקב אבינו שטאַמלט: „איך...“
און בלייבט אַ רגע שטיל
און ס׳שושקען הינטערן אויוון זיך
דער אָוונט און די גריל...

רחל גייט צום ברונעם נאָך וואַסער

רחל שטייט ביים שפּיגל און פלעכט
אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ,
הערט זי ווי דער טאַטע הוסט
און סאַפּעט אויף די טרעפּ.

לויפט זי גיך צום אַלקער צו:
„לאה! דער טאַטע! שנעל!"
לאה באַהאַלט דעם שונדראָמאַן
און ווייזט זיך אויף דער שוועל.

דאָס פּנים בלייך און אויסגעצאַמט,
די אויגן רויט און פאַרוויינט.
„לאה, מאַכסט פון די אויגן אַ תל,
גענוג שוין פאַר היינט געליינט."

און רחל נעמט דעם וואַסערקרוג
און לאָזט זיך צום ברונעם גיין —
די דעמערונג איז בלאָ און מילד,
כאָטש נעם און כאַפּ אַ וויין.

זי גייט. און איבערן טונקעלן פעלד
בליצט שנעל פאַרביי אַ האָז.
— טשיריק! — אַ למד-וואָווניקל
טשירקעט אין טיפן גראָז.

און אויפן הימל שעמערירט
אַן אוירינגל פון גאָלד:
„ווען ס׳וואָלטן כאָטש געווען צוויי,
איי וואָלט איך זיי געוואָלט.״

אַ פייפל פייפלט אין דער נאָענט:
טרילי, טרילי, טרילי —
און ס׳שמעקט מיט דעמערונג און היי
פון אַלע שאָף און קי.

זי לויפט. שוין שפּעט. אין חומש שטייט:
ביים ברונעם וואַרט אַ גאַסט,
די קאַץ האָט זיך געוואַשן היינט
און זי האָט היינט געפאַסט.

זי לויפט און ס׳פינקלט איבער איר
דאָס אוירינגל פון גאָלד:
ווען ס׳וואָלטן כאָטש געווען צוויי,
איי וואָלט זי זיי געוואָלט.

יעקב אבינו באַגעגנט זיך מיט רחלען

יעקב אבינו שלעפּט זיך מיד
אין שפּעטן אָוונט אַריין —
אַט איז דער ברונעם דאָרטן לינקס,
דאָ מוז עס זיכער זיין.

ער נעמט דאָס חומשל אַרויס:
„אוודאי, אוודאי דאָ —
איז ווי־זשע קומט עס טאַקע, האַ,
וואָס זי איז נאָך נישטאָ?"

זי גייט, זי לויפט, איי פּאַטערל!
מיטן קריגל אין דער האַנט,
נאָך שענער ווי אין חומש שטייט —
אַן אמתער באַרליאַנט.

„גוטן אַבענד, שיינע מאַדמאַזעל,
איך בין דאָ, ווייסן זי,
אַ גר, אַ פרעמדער אין דעם אָרט,
דאָס הייסט, אַז נישט פון הי.

נאָר כ'האָב דאָ, פרייליין, ווייסן זי,
איין אָנקל אין דעם לאַנד,
ער מוז איהן, פרייליין, ווייסן זי,
אוודאי זיין באַקאַנט.

לבן הייסט ער, ווייסן זי,
ער איז נישט אַבי־ווער,
ביי אונדז אין שטעטל זאָגט מען אַז
ער איז איין מיליאָנער.״

„לאַבאַן האַראַמי, יונגער מאַן,
דאָס איז דאָך מיין פּאַפּאַ!״ —
„אויב כ׳האָב קיין טעות, ווייסן זי,
זענט איר דאָס פריילײן ראַ—״

„און איר זענט יאַקאָב, מיין קוזען?״
און זי ווערט ווי צונטער רויט
און יעקב טראַכט אין הארץ ביי זיך
— או־ווא, אַ וואַזשנע מויד!

זיי גיבן ביידע זיך די הענט,
אַ קילער אָוונטווינט
נעמט זיי ביידע פעסט אַרום
אַ רגע און — פאַרשווינדט.

יעקב אבינו זינגט אַ סערענאַדע
אונטער רחלס פענצטער

דו ליגסט מסתמא איצט אין בעט
און חלומסט זיס אוודאי,
און איך דאָ אונטערן פענצטערל
זינג דיר אַ סערענאַדע.

דער פעטער איז אַ הונט מיט ציין,
נאָר רק ער הייסט מיר וואַרטן.
עס קען דער פעטער נישט פאַרשטיין,
ווי שווער מיר איז דאָס וואַרטן.

אוי, וואַרטן מוז איך, רוכציע לעב,
אויף דיר אַזש זיבן יאָר,
אוי, מיר פאַר דיינע אויגענעס
און דיינע שוואַרצע האָר.

איך האָרעווע ביי טאָג אין פעלד,
ביי נאַכט קען איך נישט רוען,
סע טוט מיך נאָר ווי אַ מאַגנעט
כסדר צו דיר ציען.

דער מאָנד אין הימל — ער אַליין
נאָר קען מיין ווייטיק פילן,
ווי שווער, ווי שווער, ווי שווער ס'איז
אַ ליבע אויסצושפּילן.

כ׳האָב זיבן מאָל אין געלן זאַמד
היינט אויסגעקריצט דיין נאָמען,
האָב איך דערזען אַ טרעפּערקע
הינקט אויף אַ פוס אַ לאָמען.

געהאַלטן האָט זי אין דער האַנט
אַ פּעשל אַלטע קאָרטן —
און איידער וואָס און איידער ווען
האָט זי געזאָגט די ווערטן:

„צוויי מיידן פּגרן נאָך דיר
און דו האָסט ליב נאָר איינע,
די עלטערע וועט זיין דיין ווייב,
אָבער נישט די קליינע.״

און איידער וואָס און איידער ווען
האָט זי זיך אָפּגעצויגן —
לאָזן האָט זי דאָס געמיינט
מיט די טראַכאָמע־אויגן.

אוי, אַ טעות האָט די טרעפּערקע
און אַ טעות האָט דער פעטער,
אַז מיינע וועסטו סיי ווי זיין
צי פריער אָדער שפּעטער.

אוי, דינען וועל איך, רחל׳צע לעב,
פאַר דיר נאָך זיבן יאָר,
אוי, מיר פאַר דיינע אויגענעס
און דיינע שוואַרצע האָר...

רחל און לאה

רחל שטייט באָרוועס אויף דער שוועל
און טרילערט שטיל אַ ליד,
די שוואַלבן וואָס פלאַטערן פאַרביי
שמעקן מיט פרילינג און צוויט.

יעקב, דער ליכטיקער פאַרשוין,
איז איר געקומען צו חלום ביי נאַכט
און האָט איר פאַר זיין האַרטער מי
דריי שיינע מתנות געבראַכט.

אַ בענטשערל און שיכלעך פון לאַק
און אַ פינגערל פון גאָלד —
אוי, ווען די שוואַלבן וואָלטן געוווסט,
ווי שטאַרק זי האָט אים האָלד!

זי זשמורעט די אויגן צו דער זון
און לאַכט און לאַכט און קוועלט,
וואָס אָט די אייגענע גרויסע זון
שיינט אויך אויף אים אין פעלד.

אַ ווינטל לאַשטשעט אירע פיס
און שטיפט אין אירע האָר
און רוימט איר שטיל אין אויער איין:
„נאָך גאַנצע פינעף יאָר.“

„רחל! (די שוועסטער לאה רופט)
די קאַווע ווערט דיר קאַלט.״
רחל טוט אַ ציטער שטיל:
„אַט תיכף, לאה! באַלד!״

און זי ווערט טרויעריק מיט אַ מאָל,
זי ווייסט אַז לאה וויינט
אויף איר געלעגער יעדע נאַכט
און זי ווייסט אויך וואָס דאָס מיינט...

און ס׳טוט ביים האַרצן איר אַ קלעם
און זי לויפט אין אַלקער גיך:
„נאַ דיר, לאה, שוועסטערל קרוין,
דאָס בענטשערל און די שיך!

און נאַ דיר, לאה, שוועסטערל קרוין,
דאָס פינגערל פון גאָלד,
נאָר לאָז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין,
אַט דעם וואָס איך האָב האָלד.״

און ס׳אָטעמט פון די שוועסטער שאַרף
די בענקשאַפט און דער צער
און ווער ס׳לאַכט פון זיי און שפּעט,
איז אַ רשע און אַ נאַר...

לאה ברענגט דודאימלעך פון פעלד

מיט אַ בינטל דודאימלעך אין האַנט
גייט לאה פון פעלד אַהיים,
די אָונטזון צעפינקלט איר גאָלד
אויף אַן אָרעמער כאַטע פון ליים.

לויפט איר אַנטקעגן אַ שלאַנקער ווינט
און ער כאַפּט דעם אָטעם קוים:
„לאה, די קינדער וויינען דיר
אונטער דעם גרינעם נוסנבוים."

„אַ ווייטאָג דער מאַמען!" — לאה לויפט
און ס'פלאַטערט אין ווינט איר קלייד,
אָט שטייט די ווינטמיל אויפן באַרג
מיט די פליגל אויסגעשפּרייט,

גלייך זי וואָלט ערגעץ ווו געהאַט
אַ יעקב און קינדער ווי גאָלד,
וואָס וויינען אונטער אַ נוסנבוים
און זי וואָלט צו זיי געוואָלט...

זי לויפט. אין דודיעס שענק ביים טראַקט
צינדט מען שוין אָן אַ ליכט,
אָט איז דאָס גרינע קלויסטערל
און אָט איז דאָס געריכט.

זי שטעלט זיך אָפּ און אָטעמט שווער,
אָט זעט זי, די שוועסטער גייט,
אַ זיידן העמדל אין דער האַנט
פון לאַנג שוין אויפגעגרייט...

און לאה זאָגט: „זע, רוכציע קרוין,
וואָס כ׳האָב פאַר דיר געבראַכט,
נעם די דודאימלעך און לייג
צוקאָפּנס דיר ביי נאַכט...

אין ניין חדשים מירצעשעם
וועסט, שוועסטער, זען צי ניין..."
זיי שושקען זיך און דער פּאָעט
קען גאָרנישט מער פאַרשטיין.

איז דרייט ער זיך אַוועק דיסקרעט
און כאָטש ער האָט נישט געהערט,
ווייסט ער אַז דאָס שושקען זיך
איז אייביק ווי די ערד...

יעקב אבינו האָט עגמת־נפש
פון זיינע קינדער

יעקב אבינו זיצט אַלט און מיד
אויף דער גראַזבאַנק פאַר נאַכט,
ער פילט די ביינער טוען אים וויי,
נישט פאַר קיין שום ייד געדאַכט.

די בנים זענען פון גאַנץ קאַיאַר
אוועק מיט די שאָף אין פעלד:
„אוי גאַטעניו, די דאַזיקע זין
פאַראומערן מיר די וועלט.

אַט האָב איך דאָ נישט לאַנג געפּאַקט
דעם בכור ביי בלההן אין בעט.
צי קען דען אַ טאַטע מוחל זיין
אַ קינד אַזאַ מין חטא?

נו און זיי — די אַנדערע צוויי,
אַזאַ מין חילול־השם —
זיי האָבן חרוב ונחרב געמאַכט
די קהילה קדושה שכם.

נו, און יהודה, דער וואַזשנע לייב,
מיט דער זונה אויפן וועג —
ס׳האָט געהאַלטן אויף אַ האָר
זיי זאָלן קיין סטאַמבול אַוועק.

א שטיקל גליק, וואָס איינער פון זיי
איז כאָטשבע אַ שטיקל ליכט,
דערפאַר האָב איך אים אויפגעגעבן
אויף פּורים אַ העמדל פון זייד.״

און יעקב הייבט די אויגן אויף:
צי האָט ער אַ טעות? ניין!
ער זעט בפירוש און אויף דער וואָר
די מוטער רחל גיין.

זי גייט מיט שטילע זיידענע טריט
און קומט אַלץ נענטער צו אים.
זי באַוועגט די ליפּן. ער הערט זיך איין,
נאָר ס'דערגייט נישט צו אים איר שטים.

אָט ווינקט זי מיטן טיכל צו אים:
„אויף ווידערזען!״ — און פאַרשווינדט,
ווי זי אַליין וואָלט נאָר געווען
אַן אָטעם פונעם ווינט.

יעקב אבינו זיפצט שווער און טיף:
„אַ חלום איז טאַקע אַ נאַר —
פאַר וואָס זשע נעמט נישט מיט דאָס מת
די בענקשאַפט און דעם צער?״

ער הייבט זיך אויף. די לופט איז שאַרף,
ס'איז שוין צייט צום שלאָפן גיין,
די בנים וועלן מסתמא שפּעט
קומען אַהיים צו גיין.

יוסף הצדיק און זליכה

„קום, קעצעלע, נו קום אַהער!
נו קום און זיי נישט בייז!
זע, מיינע בריסטן גאָרן דיך,
זיי זענען ברוין און הייס.”

מאַכט יוסף הצדיק: „נו־אי־אָ”
און מאַכט די אויגן צו:
„וואָס וויל די קליפּה פון מיר, האַ?
גיי, קליפּה, אין דיין רו!”

„קום, קעצעלע, נו קום אַהער!
מיט מיינע שוואַרצע האָר
וויל איך דיך פּענטען פעסט צו מיר
אויף היינט און אַלע יאָר.”

מאַכט יוסף הצדיק: „נו־אי־אָ,
איי, טאַטע אין הימל, העלף!
דו, וואָס האָסט זיך מיר אַנטפּלעקט
צווישן עקדישן און וועלף.”

„נו, קעצעלע, נו קום שוין, נו!
זע, ווי ס׳ברענט מיין לייב —
קום און זיי אַ מאַן צו מיר
און איך וועל זיין דיין ווייב!”

יוסף הצדיק פיבערט און זעט,
ווי זיין ראש־ישיבה גייט.
ניין, ס׳איז דער טאַטע יעקב גאָר
און עס האָגלען זיינע רייד:

„וואָס זעען מיינע אויגן, וואָס?
מאַכסט גאָר קוצעניו מוצעניו
מיט דער ערלית, דער אשת־איש.
טפו, יוסף הצדיק, טפו!״

מאַכט יוסף הצדיק די אויגן אויף
און ציטערט ווי אַ בלאַט —
נאַקעט קניט זי נעבן אים,
ווי די מאַמע האָט זי געהאַט.

זי גלעט אים מיט די הייסע הענט
און כישופט מיט איר קול
און ס׳ראַנגלט זיך ביי אים אין האַלדז
אַ הויכער „שמע ישראל״.

יוסף הצדיק זוכט ביי זיינע ברידער דעם בעכער

זאָגט דער שליח: „אדוני האר,
מיר האָבן די חברה געפּאַקט
אַ זיבן מיילן ווייט פון הי,
אַזש אויפן גריצער טראַקט.״

זאָגט יוסף הצדיק שטרענג און בייז:
„ברענגץ די חברה אַריין!
איך וויל נישט וויסן פון גאַארנישט,
דער בעכער זאָל מיר זיין!״

זאָגן די ברידער: „אדוני האר,
מיר זענען ערלעכע לייט,
מיר ווייסן אַלע ברוך השם,
וואָס „לא תגנב״ באַדייט.

ווייל אונדזער פאַטער יעקב איז
איין גאַטעספאַרכטיקער מאַן,
ער איז דער גראַנד־ראַבינער וואַהל
אין הייליקן לאַנד כנען.״

זאָגט יוסף הצדיק שטרענג און בייז:
„פּאַררעדץ מיר נישט די ציין!
צי עץ זענט אַלע ערלעכע לייט,
וועל איך שוין זען אַליין.״

זאָגן די ברידער: „אדוני האַר,
מיר האָרכן דיין באַפעל" —
און זיי צעבינדן תיכּף און שווין
די זעק מיט ווייצנמעל.

„און ווער איז אָט דער קליינער, ווער,
וואָס שטייט דאָרט ביי דער וואַנט
און האַלט אַ תפילין־זעקעלע
אין דער רעכטער האַנט?"

זאָגן די ברידער: „אדוני האַר,
ס'איז בנימין, ווי איר ווייסט,
ער איז דעם טאַטנס מיזיניקל,
זיין אוצר און זיין טרייסט."

„קום, קליינער חברה־מאַן, אַהער
און עפן דיין זעקל שנעל!
און לאָמיך זען צי האָסטו דאָרט
בלויז סאַמע מצה־מעל!"

און יוסף נעמט דעם תפילין־זאַק
פון בנימינס האַנט אַרויס —
און אין דער טונקל זיין געשטאַלט
ווערט מאָדנע שטרענג און גרויס.

יעקב אבינו לערנט מיט זיינע זין
„מכירת יוסף״

„ראובן, מיין סאַמע עלטסטער זון,
וואָס שטייסטו אַזוי שטיל?״
„פֿאָטער יעקב, מיר זענען גרייט
צו שפּילן דעם פּורים־שפּיל.״

„יוסף, מיין סאַמע ליבסטער זון,
טו אָן דאָס זיידענע העמד!
די ברידער ווילן דיך נאָך אַ מאָל
פֿאַרקויפֿן אין דער פֿרעמד.

איז וואַרפֿן זיי דיך אַריין אין גרוב,
טאַ וויין — אָבער נישט צו פֿיל!
דו שפּילסט דאָך נישט דאָס ערשטע מאָל,
מיין קינד, דעם פּורים־שפּיל.

נאָר ווען דו גייסט פֿאַרביי דעם וועג,
וווּ דיין מאַמעס קבר שטייט,
וויין אויף איר שטיין אַן אמתע טרער
און זאָג צו איר שטילערהייט:

דער אַלטער יעקב וואָלט נאָך אַ מאָל
געדינט זיינע זיבן יאָר,
ער זאָל נאָך אַ רגע פֿאַרן טויט
אַ גלעט טון אירע האָר.

און ווייטער ווייסטו שוין אליין,
ווו איין ווו אוים און ווי —
ס'פּאַשען שוין אין פּרעהם טרוים
די זיבן פעטע קי.

זיי אים פּותר ווי אַלע מאָל,
זע מאַך נאָר נישט קיין פעל,
און פאַרגעם נישט, למען השם,
דעם טאַטן אַ זעקל מעל!

און פאַרגעם נישט, למען השם,
יוסף הצדיק דו מיין —
און היט זיך פאַר פּוטיפרס ווייב,
כאָטש זי איז יונג און שיין!"

— — — — — — — — — — — — —

„היידאַ קינדער, וואָס שטייט איר וואָס,
וואָס שווייגט עץ אַזוי שטיל?"
„פּאַטער יעקב, האָסט קאַליע געמאַכט
אַליין דעם פּורים-שפּיל."



דער
שנײַדערגעזעלן
נאָטע מאַנגער
לערנט תנ״ך

די ווירקונג פון דעם שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער אויף מיר און מיין ווערק איז געווען אַ זייער גרויסע.
ער איז געווען אַן אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקייט, ערשט־ראַנגיק און איינציק. זיין גרויסע ליטעראַטור־קענטשאַפט, זיין שאַרפער קרי־טישער אינטעלעקט, זיינע פעיקייטן צו פאָרמולירן אין צווי, דריי זאַצן דעם עיקר פון אַ פּראָבלעם, האָבן אָנגערעגט צו פאַרמעסט און צו דערגרייכונג.
ער האָט נישט געשריבן, נאָר צווישן שווייגן און שווייגן געבליצט מיט געדאַנקען, פּאַראַדאָקסן, פאָרמולירונגען.
מיין ברודער, דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער איז געבוירן גע־וואָרן דעם 10טן אויגוסט 1903 אין טשערנאָוויץ און איז געשטאָרבן סוף 1942 אין סאַמאַרקאַנד, אוזבעקיסטאַן.
אַ ליכטיקע געשטאַלט, אַ חלום, אַ לעגענדע, אַ פּרינץ ביי דער ניי־מאַשין. אין זיין וואָרשטאַט האָבן זיך די חכמים און פּאָעטן פון אַלע פעלקער אָפט פאַרזאַמלט און זייער אָפט הנאה געהאַט פון זיינע ראַנד־באַמערקונגען און זיינע גערעדטע גלאָסאַרן.

״דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער לערנט תנ״ך״ איז געוואָרן צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין באַנד ״דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער זינגט״ אין לאָנדאָן אין יאָר 1948.

דער אַלטער תרח שניצט
אַ נייעם אָפּגאָט

דער אַלטער תרח זיצט און שניצט
אַ גאָט פֿון פּימסנהאָלץ.
פֿון אַלע גאָטן דער גרעסטער גאָט,
מורמלט ער פֿרום און שטאָלץ.

די אויגן קאָסאָקע — דאָס מיינט: ער זעט
העט אַלצדינג מיט אַ מאָל:
די עבירות וואָס הוליען אויפֿן באַרג
און די מיצוות טיף אין טאָל.

די נאָז — אַ קאַרטאָפֿל, ברייט צעשפּרייט,
זי זאָל שמעקן דעם אָפּפֿער־רויך,
וואָס קרייזלט זיך פֿונעם מזבח אַרויף
צו די גאָטן אין דער הויך;

די פֿרומע הענט פֿאַרלייגט אויפֿן בויך —
אַ סימן, אַז ער פֿילט
די עוולה פֿון אַן אַלטן מאַן
און פֿון אַ קינד וואָס שפּילט.

דאָס אַבער וואָס באָמבלט זיך, פֿאַרשטייסט,
איז לאַנג און שאַרף — דאָס הייסט:
פֿאַר אַלע וויסטע עקרות אַ הילף
און פֿאַר אַלטע מיידן אַ טרייסט.

און דער נאָמען פון גאָט איז מעציצאַס־גאָט,
און מעציצאַס־גאָט איז גרוים!
שפּרייט אוים דיין גענאָד, אָ מעציצאַס־גאָט,
איבערן אַלטן תרחס הויז.

און מאַך, אַז אַבראַשאַ זאָל זיין אַ לייט,
ער זאָל גיין אין זיין טאַטנס וועג
און ער זאָל נישט פאַרהוליען פוסט און פּאַס
זיינע שיינע יונגע טעג.

און דער אַלטער תרח פאַלט אויף די קני
און תפילהט טיף און לאַנג
אַרויף צו מעציצאַס־גאָט אין דער הויך
וואָס ברענט אין זונפאַרגאַנג.

דינה בת יעקב גייט אויף אַ ראַנדעווו

דינה פירט מיטן ליפּנשטיפט
איבער די ליפּן אַהין און אַהער,
די ליפּן פלאַמען ווי רויטער מאָן —
גענוג, מען דאַרף נישט מער.

זי טוט אָן דעם שטרויענעם זומערהוט,
וואָס פּאַסט צו איר זומערקלייד;
זי כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל פאַרשייט,
נעמט דאָס זאַנטיקל און גייט.

דער ראָטהויז-זייגער ציילט אָפּ אַכט,
דאָס מיינט, אַז ס׳איז שוין צייט
צו איילן זיך צום ראַנדעווו
מיט די שכמער יונגעלייט.

„אַ שכם, דו שיינע פריילעכע שטאָט
פון וואַלצערס, ליכט און מוזיק,
פאַר דיין יעדן פּאַרק האָט די ליבע אַ סוד,
און יעדער סוד מיינט גליק.״

ס׳איז איר נימאס און מאוס דעם טאַטנס היים,
ווו מען דאַוונט טאָג און נאַכט.
פון זינט די מומע רחל איז טויט,
האָט דאָרט קיינער נישט געלאַכט.

דער אומעט הענגט איבערן אַלטן הויז
ווי אַ גרויסע גיפּטיקע שפּין,
ווען נישט די פריילעכע נעכט אין שכם,
וואָלט זי לאַנג אַראָפּ פונעם זין.

„אַ שכם, דו שיינע פריילעכע שטאָט
פון וואַלצערס, ליכט און מוזיק,
פאַר דיין יעדן פּאַרק האָט די ליבע אַ סוד,
און אַ יעדער סוד מיינט... גליק."

ס'איז איר נאָענט און טייער אַ יעדער סוד,
כאָטש זי ווייסט נישט דעם באַשייד;
זי ווייסט נאָר איינס, אַז זי געפעלט
די שכמער יונגעלייט — —

נאָר אָט ליכטיקט דער ערשטער לאַמטערן פון שכם
און ס'כליפּעט אַ פידל אין שענק
אַ נייעם וואַלצער פון יאָהאַן שטראַוס:
„איך בענק, מיין האַרץ, געדענק!"

יוסף הצדיק שפּאַצירט אויפֿן בולוואַר

יוסף שפּאַצירט אין זיידענעם העמד
פֿאַר נאַכט אין דער שטערן־אַליי ;
פֿריילינס מיט בלאָע פּאַראַסאָלס
ווינקען און שמייכלען פֿאַרביי — —

איינע שעפּטשעט : „זעלדע, דו זעסט,
ער איז טאַקע שיין ווי גאָלד,
ווען כ׳וואָלט נאָר געהאַט גענוג נדן,
וואָלט איך נאָר אים געוואָלט.״

די צווייטע שעפּטשעט : „נעכטן ביי נאַכט
איז ער געקומען אין חלום צו מיר
און כדי ס׳זאָל אים נישט זיין צו שווער,
האָב איך אָפֿן געלאָזט די טיר.״

יוסף שמייכלט. ער ווייסט אַליין,
אַז ער איז אַ שיינער יונגערמאַן,
ער האָט נישט איין מאָל געזען זיין בילד
אין דער הילצערנער וואַסערקאַן.

אַ שאָד נאָר וואָס זיינע בראַטשיקעס
דערגייען אים זיינע יאָר
מיט „שטערן־טייטשער״ און „יאָסעלע תם״
און „חלום אויף דער וואָר״.

היינט אַכט טאָג איז ער געווען אויפן אָרט,
ווו די מאַמע רחל רוט:
„מאַמע געטרייע, זאָג מיר פאַר וואָס
פאַרצאַפּן זיי מיר דאָס בלוט.״

נאָר ס׳האָט געשוויגן דער קאַלטער שטיין
און געשוויגן דאָס בערגל ערד;
און אפשר, ס׳קען זיין, די מאַמע אַליין
האָט זיינע טענות נישט געהערט.

דערפאַר האָט ער ליב די שטערן־אַליי,
ווו די פריילינס שמייכלען פאַרביי
מיט קליינע בלאָע פאַראַסאָלס
און אַ יעדע שמעקט מיט מאַי.

און אפשר איז דאָס אַ חלום בלויז
און ער זעט אים נאָר אַליין,
און זיינע בראַטשיקעס אין דער היים
וועלן עס קיין מאָל נישט פאַרשטיין.

זאָל זיין אַ חלום, אַבי ער איז שיין;
און ער גייט מיט שטילע טריט,
ער זאָל נישט פאַרלעשן דאָס אָוונטגאָלד,
די פריילינס און דעם צוויט.

חנה און פנינה

פנינה צוואָגט איר טעכטערל
און מיטן פוס וויגט זי די וויג,
און אונטערן האַרץ, געלויבט צו גאָט,
צאַפּלט אַ פריש שטיק גליק.

„איצט, דאָבעלע, טו אויס דאָס קלייד
און וואַרף שנעל אַראָפּ די שיך,
און איינס און צוויי — אין בעט אַריין
און זאָג אָפּ קרישמע גיך.״

און פנינה בייגט זיך איבער דער וויג:
„שאַ, פרויקעלע טאַטע, שאַ,
די מאַמע וועט דיר זינגען אַ לידעלע,
אַ לידעלע אָט אַזאַ:

איי-ליו-ליו, פרויקעלע...
דער טאַטע וועט קויפן אַ טראַיקעלע,
דאָס טראַיקעלע וועט פאָרן
קיין ליטע און פּאָמאָרן,
דאָרט וועט דער טאַטע קויפן
לאָשיקלעך וואָס לויפן,
מיט גלעקעלעך וואָס קלינגען,
און חזנימלעך וואָס זינגען
איי-ליו ליו-ליו, ליו.״

דער פּעמפּיק שלאָפט און פּנינה איז מיד
פון אַזוי פיל פרייד און גליק:
„רבונו של עולם, באַהיט און באַשיץ
דאָס בעטל און די וויג.”

נאָר פּלוצעם, האָרך! פונעם אַלקער ציט
אַ שאַרף און דין געוויין,
דאָרט וויינט די עקרה חנה אויף ס'ניי
אין דער פינצטער איינע אַליין.

„גאָט איז מיט איהנען, כאַנציע קרוין,
זי וועקן מיר די קינדער אויף!”
און פּנינה הערט ווי חנהס קלייד
רוישט שטיל די טרעפּ אַרויף.

דאָרט וועט זי ליגן די גאַנצע נאַכט
אין איר חדר אויף די קני,
פאַרטאָן אין תפילה און געוויין
ביזקל אין דער פרי!

פּנינה דרייט דעם נאַפטלאָמפּ איין,
די שאָטנס אויף די ווענט
שפּאַרן אָן די געקרויזטע קעפּ
אויף זייערע פאַרסאַזשעטע הענט.

דער זייגער טיק-טאַקט אויף דער וואַנט,
אויפן פריפּעטשיק זינגט אַ גריל,
און פּנינה שאַרט זיך באָרוועסרהייט
צו איר געלעגער, שטיל...

חנהס וויגליד

חנה וויגט איר בן-יחידל:
„שלאָף, שמואליקל טאַטע, שלאָף,
דריי אַלטע יידן זע איך גיין,
דריי פון די ל"ו.

איינער איז פון יאַראָסלאַוו,
דער צווייטער פון לובלין,
דער דריטער דרייט אַ פּאַפּיראָס
פון טערקישן טוטין.

זאָגט דער ייד פון יאַראָסלאַוו
און גלעט די ווייסע באָרד:
— עץ זעט די פּלומפּ אין מיטן מאַרק
און אָט דעם בנין דאָרט?

דאָרט וווינט אלקנה, דער גביר,
דער גרעסטער מן הסתם,
מאַיאָנטעקעס אין גאַנצן לאַנד
און שיפן אויפן ים. —

זאָגט דער ייד פון אַלט-לובלין:
— זעטס נאָר אַן אַנטיק,
די עקרה חנה וויגט
אַ נביא אין דער וויג.

און ס׳שטייט אין דרויסן אויף דער שוועל
אַ מלאך אויף דער וואַך,
ער בלעטערט ביים לאַמטערן־שיין
דעם געטלעכן תנ״ך. —

זאָגט דער דריטער אַלטער ייד,
וואָס דרייט דעם פּאַפּיראָס:
— די גרילן לייענען קרישמע שוין
אין פייכטן אָונטגראָז

און יעדער פויגל אין זיין נעסט
טרילערט פונעם שלאָף,
און ס׳סדרן זיך די שטערן אויס,
אַן אלף און אַ תו —

אַ כתב פון זילבער און פון גאָלד,
שיין, נישט צום פאַרשטיין —
דעם מיין פון אָט דעם כתב פאַרשטיין
קען גאָט ברוך הוא אַליין.

נאָר שאַט, רבותי, זיך פאַררעדט,
שוין צייט מיר זאָלן גיין.
אַ גוטע נאַכט דעם נביא שמואל.
זאָגט אַלע הויך: אמן! — ״

שמואל הנביא און דער פּאַסטוך דוד

אויפן בערגל נעבן דער מיל,
אונטער אַן אַלטן באַרנבוים,
פּייפּלט דוד דאָס פּאַסטוכל,
די ווינטן דעכען קוים:

„העי, זילבערוואָל, דו שעפּעלע ווייס,
האָב נישט קיין מורא פאַר די וועלף,
פאַראַן אַ גאָט דאָרט אין דער הייך,
אַ פאָטערל וואָס העלפט.

העי, טינטערל, דו שעפּעלע שוואַרצס,
האָב נישט קיין מורא פאַר דער נאַכט,
פאַראַן אַ גאָט דאָרט אין דער הייך,
אַ פאָטערל וואָס וואַכט.

העי, לעקישל, דו ציגנבאָק,
שפּרינג, וואַיעווע אום אין פעלד,
צופּ דאָס גראָז און פאַרשווין די בלום
און האָב הנאה פון דער וועלט."

נאָר ווער איז דער אַלטער גראָער ייד,
אויף זיין שטעקן אָנגעשפּאַרט,
וואָס שטייט פאַר אים גאָר אומגעריכט,
באַטראַכט אים שטום און וואַרט?

ס׳איז שמואל הנביא פון דער „רויטער בריק״,
ער וווינט דאָרט איינער אַליין —
אַן אַלטער בחור, אָן ווייב אָן קינד
און עלנט ווי אַ שטיין.

די נביאה — טענהט ער — איז זיין ווייב,
ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר,
ווייל פּונקט ווי אַ ווייב שרייט זי און שעלט
און דערגייט אים זיינע יאָר.

איצט שטייט ער און קוקט אויפן פּאַסטוכל:
אַט דאָס איז דער פּאַרשוין,
וואָס וועט פּאַרבייטן אם ירצה השם
דאָס פייפל אויף דער קרוין?

ער נעמט די רויטע פּאַטשיילע אַרויס
און ווישט אָפּ די טראָפּנס שוויים
און ס׳פּאַרשמעקט מיט תהילים און פידלשפּיל,
געמישט מיט אַל דאָס בייז.

דער אַלטער ר׳ ישי

ר׳ ישי זיצט אונטערן קאַרשנבוים
און זופט פונעם גלעזל טיי;
דער קאַרשנבוים אין ערשטן צוויט
בלענדט ווי ווייסער שניי.

אַ זונשטראַל פאַלט צו זיינע פיס,
אַ קליינער גילדערנער האָז,
ווי איינער רעדט: ר׳ ישי, דאָ
זענט איר דער באַלעבאָס.

ר׳ ישי שמייכלט. געהערט אַ נייס!
דאָס ווייסט דאָך קינד און קייט.
דו זאָג נאָר בעסער, חברה־מאַן,
וואָס פאַר אַ סדרה גייט?

דער זונשטראַל ציטערט, ציטערט פרום
און שאַרט זיך שטיל אַוועק.
אַ שפרונג! און זע, די ראַבע קאַץ
באַקומט אַ גאָלדענעם עק.

אַ פויגל סוויפטשעט אין דער לופט,
הערט, רב ישי, הערט:
אַ קרוין, אַ תהילימל און אַ שווערד
איז אייער דודלען באַשערט.

ר׳ ישי שמייכלט. די זעלבע זאַך
האָט דער אַלטער נביא שמואל
געטענהט נעכטן מינחה־צייט
אין דער אַלטער „קאַלטער שול״.

„ישי, זאָג דיין מיזיניקל,
ער זאָל פּאַקן דעם טשעמאָדאַן
און איוודע וואָך, אם ירצה השם,
פיר איך אים מיט דער באַן

אַוועק צום מלך שאול אין הויף
און דאָרט, אוי ישי, דאָרט...״
און ס׳האָט אַ דינער שמייכל זיך
פאַרלוירן אין זיין באָרד.

ר׳ ישי טראַכט: נו מאַ, נו מאַ,
ס׳איז אַ באַשערטע זאַך.
סע פייפן עס די פייגל שוין
אַראָפּ פון יעדן דאַך.

מילא, די קרוין יאַק ווי די קרוין
און די שווערד יאַק ווי די שווערד,
נאָר ווײ, געוואַלד, דאָס תהילימל
וועט מנצח זיין די ערד.

ר׳ ישי זיצט אונטערן קאַרשנבוים
און זופט פונעם גלעזל טיי.
דער קאַרשנבוים אין ערשטן צוויט
בלענדט ווי ווייסער שניי.

מיכל

מיכל זיצט אויפן גאַניקל,
דער זומער־אָוונט צינדט
פייערפליגן אין דער לופט —
אַ זיסער זומערווינט

זינגט אין אירע טיציאַן־האָר
אַ גלילער פּאַסטאָראַל
וואָס שמעקט מיט דאָרפיש קאָרנבּרויט
און זילבערט ווי אַ קוואַל:

„בת־מלכה, הער, אַ פייפל שפּילט
די גלאָריע פונעם לאַנד,
אַ מגן־דוד אויף דער פאָן,
אַ תהילימל אין האַנט.“

די שטאָלצע קיניגסטאָכטער ווייסט,
וואָס אָט דער ניגון מיינט,
זי האָט עס נישט צום ערשטן מאָל
אין שמואל־בוך געליינט.

זי ווייסט אַז אָט דער נביא שמואל,
דער אַלטער אינטריגאַנט,
שפּינט און שפּילט אַ טונקל שפּיל
מיט זיין געניטער האַנט.

אַ שפּיל אַרום דעם טאַטנס קרוין
און מיט איר אייגן לייב,
איצט שעפּטשעט יעדער שוין אין הויף,
אַז זי ווערט דודס ווייב.

פֿאַר אירע אויגן שוועבט פֿאַרביי
דעם נביאס ווייסע באָרד,
אין אירע אויערן הילעכט אָפּ
זיין שאַרף און דאָרניק וואָרט.

זי שווידערט. אין אַ נאָענטן קוסט
ווייטיקט אַ נאַכטיגאַל.
אין אירע רויטע טיציאַן־האָר
זשומעט אַ פּאַסטאָראַל:

„בת־מלכה, הער, אַ פּייפל שפּילט
די גלאָריע פֿונעם לאַנד,
אַ מגן־דוד אויף דער פֿאָן,
אַ תהילימל אין האַנט.‟

זי הייבט זיך אויף. איר זיידן קלייד
רוישט דורך דער זומערנאַכט.

— — — — — — — — — — —

אַ יידישער פּאָעט האָט מיד
דאָס שמואל־בוך פֿאַרמאַכט.

די מכשפה פון עין־דור

די אַלטע מכשפה פון עין־דור
זאָגט צו דעם קאָטער: „מיאַו,
וואָס מאַכט אייער שוואַרצע עקסעלענץ,
און וואָס מאַכט די ליבע פראַו?"

און צו דעם גרינעם פאַפוגיי
וואָס וואַיעוועט אום אין שטייג:
„אַ פלעצל צוקער, דו נאַשער דו,
נו נאַ און נעם און שווייג."

און צו דעם גרויסן געלן האָן
מיטן פייער־רויטן קאַם:
„וואָס זעסטו, נביא, אין דער נאַכט,
אַ גייער מן הסתם?"

דער האָן קלאַפט מיט די פליגל שאַרף
איינס און צוויי און דריי,
די וואָלקנס הענגען איבערן וואַלד,
שווער און גראָ ווי בליי...

די אַלטע מכשפה פון עין־דור
טראַכט: אַ מאָדנע זאַך,
אפילו איך, די טרעפערקע,
שפיל אַ ראָלע אין תנ"ך.

אַ גייער גייט; ער פרעגט דעם ווינט
צי ווייסט ער ווו איך ווין;
זיין שאָטן ווי אַ שעקספּיר־קלאָון
שפּילט זיך מיט זיין קרוין.

אַ גייער גייט, ער שאַרט זיך שטיל
דורך דעם געדיכטן וואַלד —
אין גאַנצן שמואל־הנביא־שפּיל
די טרויריקסטע געשטאַלט.

די אַלטע מכשפה פון עין־דור
טראַכט: אַ מאָדנע זאַך,
אפילו איך, די טרעפערקע,
שפּיל אַ ראָלע אין תנ"ך.

אַ פּעשל קאָרטן ליגט אויפן טיש
און דאָס פּעשל קאָרטן ווייסט,
אַז פאַר דעם טרויעריקן „מלך פּיק"
איז מער נישטאָ קיין טרייסט.

דער האָן קלאַפּט מיט די פליגל שאַרף
איינס און צוויי און דריי,
די וואָלקנס הענגען איבערן וואַלד
שווער און גראָ ווי בליי.

אבגיל

דער וויינריב דראַפּעט זיך אויף דער וואַנט
ווי אַ פאַרליבטער יונגער נאַר
אַרויף צום פענצטער, וווּ אבגיל זיצט
אין איר קליינעם בודואַר.

זי טראָגט אַ פּיזשאַמע פון געלן זייד
און אַ היאַצינט אין די האָר
און אויף דער פּיאַנאָ, געגאָסן אין בראָנדז,
שטייט דאָס לאָבוסל אַמאָר.

ער צילט מיט זיין פייל-און-בויגן צו איר
און זי, אבגיל, לאַכט;
דורכן אָפענעם פענצטער בליט אַריין
אַ בלאָ-אויגיקע זומערנאַכט;

זי בליט מיט גרילן און רויטן מאָן,
מיט אַ שעפּטשען אויף גאָרטנבענק;
גופן פיבערן: „האָב מיך ליב!"
און הייסע ליפּן: „געדענק!"...

אבגילס אויגן זענען מאָדנע גרויס,
זי וואַרט און זי איז גרייט
צו שפּילן דעם ביבלישן ראָמאַנס
ווי אין שמואל אלף שטייט.

אַנטקעגן איבער איר, אויף דער וואַנט
הענגט נאָך נבלס פּאָרטרעט,
כאַטש זינט אַ וואָך האָט דער מלאך־המוות
זייביידן אָפּגעגט.

איצט איז זי פריי, ווי אַ פויגל פריי
פאַר דוד, איר מוסקעטיר,
וואָס וואַרט פאַרבאַהאַלטן אין אַ הייל
אויף איר, אויף איר, אויף איר.

אָט נאָך אַ רגע, און ס׳ווערט אַלצדינג וואָר
וואָס זי האָט געטרוימט, געגלוסט —
די זומערנאַכט אַנטבלויזט אין די בערג
איר ווייסע לבנה־ברוסט.

אבגילס אויגן זענען פאַרנעפּלט און פייכט;
זי וואַרט און זי איז גרייט
צו שפּילן דעם ביבלישן ראָמאַנס,
ווי אין שמואל אלף שטייט.

בת־שבע

בת־שבע באַטראַכט דאָס פינגערל
וואָס פינקלט אין איר האַנט —
אוי, ס׳איז נישט אַזוי דאָס פינגערל
ווי דער מלך פונעם לאַנד.

אוי, ס׳איז נישט אַזוי דאָס פינגערל
ווי דאָס בריוועלע דערצו:
„דיין פנים, דיין גאַנג, דיין איידעלער פאַסאַן,
זיי גיבן מיר נישט קיין רו.״

בת־שבע גייט צום שפיגל צו:
— אודאי איז זי שיין,
נאָר ווי קען זי, אַן אשת־איש,
צו דער באַשטעלונג גיין?

וואָס וועט זאָגן דער אַלטער שווער
און דער מאַן דער גענעראַל,
און וואָס וועט זאָגן גאָט אַליין,
דער שומר פון ישראל?

זי לייענט איבער נאָך אַ מאָל דעם בריוו:
„אַ שיינקייט פון דער וועלט,
מיט גאָט ברוך הוא בין איך „פער דו״
און איך טו וואָס מיר געפעלט;

אַז איך זינג פֿאַר אים מיין תּהילים אָפּ,
איז ער מוחל מיינע זינד;
און וואָס שייך אוריה, דיין ליבן מאַן,
פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, מיין קינד.״

אַ פֿירהאַנג רוישט. ווער גייט? ווער גייט?
ס׳איז נאָר דער ווינט, נישט מיין;
זי באַהאַלט דאָס פֿינגערל, דעם בריוו,
און לאָזט זיך לאַנגזאַם גיין

אַראָפּ אין גאָרטן. — די שטילע טריט
פֿאַרשלינגט דער געלער זאַמד,
נאָר פֿאַרן טויער אומגעריכט
אַ רויטע מאָנבלום פֿלאַמט

אַ לעצט ביסל בושה. זי עפֿנט די טיר
מיט איר קליינער ווייסער האַנט.
אוי, ס׳איז נישט אַזוי דאָס פֿינגערל,
ווי דער מלך פֿונעם לאַנד.

אמנון און תמר

איך שרייב דיר דאָס בריוול, תמר,
טאָ זע היט אָפּ דעם סוד,
דער עיקרשט פֿאַרן טאַטעשי,
און אויב דו קענסט, פֿאַר גאָט.

געדענקט די נאַכט אין האָרעטשאַ-וואַלד,
ווען כ׳האָב דיך גערופֿן „ווייב״?
דו האָסט געפּיבערט: „לאָז מיך גיין!״
און איך האָב געהייסן: „בלייב!״

און דו ביסט געבליבן. די נאַכטיגאַל
האָט, פּונקט ווי אין היינעס ליד,
אָפּגעטרייסלט איבער אונדז
דעם ערשטן קאַרשנצווייט.

און איך האָב געפּיבערט: „תמר, דו הערסט
ווי ס׳זינגט צו דיר מיין גוף?״
און דו האָסט געאָטעמט היים און שווער:
„איך ענטפֿער אויף דיין רוף.״

און שיכּור פֿון „שיין״, פֿון „מיט דיר אַליין״
האָב איך דיך דאָרט דערקענט
און כ׳האָב דיך אַ נאַקעטע דורכן וואַלד
געטראָגן אויף מיינע הענט.

און דער וואַלד האָט געשטוינט: „אַ־וואַ, אַ־וואַ,
ווי אַזוי איז דאָס געשען?"
אַ יידישער וואַלד האָט זינט ער לעבט
אַזאַ זעונג נישט געזען.

נאָר ווען דו האָסט פּלוצעם אַרויסגעפּלאַצט
מיט אַ שאַרף און דין געוויין,
האָט דער אַלטער תּלמודישער קאָפּ פון וואַלד
ערשט אָנגעהויבן פאַרשטיין.

דיין געוויין האָט געמסרט, מייד אוים דעם וואַלד,
ווי איך מייד אים זינט יענער נאַכט;
אַ, פאַר וואָס האָסטו דעמאָלט געוויינט אין וואַלד
און נישט געזונגען געשטיפט און געלאַכט?

איך שרייב דיר דאָס בריוול, תּמר,
טאַ זע היט אָפּ דעם סוד,
דער עיקרשט פאַרן טאַטעשי,
און אויב דו קענסט, פאַר גאָט.

דוד המלך און אבשלום

דוד המלך ביים תליה־בוים
באַוויינט דעם טויטן זון —
איבערן וואַלד ברענט בלוט און גאָלד
די מידע אָוונטזון.

יואב, דער אַלטער גענעראַל,
שטייט „האַפּטאַך״ ביי דער זייט,
און ס׳בלישטשען די שפּיזן און די העלמס
פון זיינע מונדירטע לייט.

דער מלך וויינט: אבשלומקע,
צו וואָס האָסטו דאָס געטאָן?
עפן די אויגן און נאַ דיר אַוועק
מיט כבוד דעם גאָלדענעם טראָן;

עפן די אויגן און נאַ דיר אַוועק
דאָס צירונג און דאָס גאָלד
און אַפילו די „הייליקע וועטשערע״,
וואָס רעמבראַנדט האָט געמאָלט.

וואָס ווילסטו נאָך? אָט טו איך אָן
אויף דיין שיינעם קאָפּ די קרוין,
און „ריגעלע־ריגעלע־רוגז״, זון,
און אַן עק, אַ סוף און שוין.

יואב, מיין אַלטער גענעראַל,
טו צו ווימן איבערן לאַנד,
הייס בלאָזן די טרומייטערס, ס'זאָל
אַ יעדערן זיין באַקאַנט :

אבשלום איז מלך ישראל, יחי !
שרייטס אַלע מיט מיר „יחי !"
און עכאָ לעצעוועט אין וואַלד :
יחי... כי כי כי...

דער אָוונט, אַ באָרוועסער הקדש־ייד,
מישט די בלעטער פונעם וואַלד,
עלעהיי אַ תהילימל ; אין מיטן וואַלד
די פאַרלוירענע געשטאַלט

פונעם אַלטן מלך ; אַ סאָווע שרייט
פון דער וויטנס שאַרף : או־הו,
און דער אַלטער מלך מורמלט פרום :
ממעמקים, טאַטעניו.

אבישג

אבישג מוסרט דעם דערנערקוסט
וואָס האָט ביי אַ לעמעלע „מעע"
אָפּגעצופּט אַ בינטל וואָל:
„פּע, דו לאָבוס, פּע."

און צו דעם שעפּעלע מיט כעס:
„וואָס קריכסטו דו דוראַק?"
אַ פֿויגל פּייפֿט: „אבי, אבי",
אַ זשאַבע: „שג שג שג."

אבישג לאַכט: דאָס מיינט מען זי,
און צו איר זומערקלייד
לעגט צו די מידע אָוונטזון
אַ גרויסע גאָלדענע קווייט.

זי לייגט צוויי פֿינגער צו צום מויל
און פּייפֿט די שאָף צונויף;
ציט אַהיים. ווייל מאָרגן פֿאַר טאָג
פֿאָרט זי אין מלכס הויף.

די מאַמע האָט פֿאַר איר באַצאָלט
אַן אָרט אין לייזערס בויד:
„ר' לייזער, נאַץ אייך אַ רייניש מער,
און גיט אַכטיק אויף דער מויד!"

רב לייזער איז אַ מאָדנער געלער ייִד,
מיט אַ בראָדעווקע אויף דער באַק.
אַ פויגל וואָרנט: „אבי, אבי",
אַ זשאַבע: „שג שג שג".

אבישג לאַכט. דאָס מיינט מען זי,
און פון איר זומערקלייד
נעמט אָפּ די רויטע אָוונטזון
די גרויסע גאָלדענע קוויט.

„אַ וואַזשנע מציאה!" אין מלכם הויף
וועט זי גיין אין סאַמעט אין זייד
און וועט טיילן לעקעך און איינגעמאַכטס
פֿאַר אַלע אָרעמע לייט.

און דער מלך וועט שפּילן אויף דער האַרף,
ווען די שטערן ווערן גרויס,
און זי וועט זיין אין זיין תהילימל
די סאַמע שענסטע רויז.

נאָר אָט איז דער טייך און אָט איז די בריק,
און אָט הודזשעט דער טאַרטאַק.
אַ פויגל וויינט: „אבי, אבי",
אַ זשאַבע: „שג שג שג".

אבישגס לעצטע נאַכט אין דאָרף

דער קוקו רופט דאָס שטילע דאָרף
און ווערט אַנטשוויגן מיד —
די שטילקייט נאָר אַליין הערט שאַרף
ווי ס'צוויטעט אַף דער צוויט;

די שטילקייט נאָר אַליין הערט שאַרף
ווי ס'צוויטעט אויף אַ טרוים
אין קלענסטן הייזל פונעם דאָרף,
ווי ס'בליט דער ליפּעבוים.

אַ טרוים פון זיידנס און מוסלין,
מיט שפּיצן פון בראַבאַנט:
אַ קאַרעטע פון גאָלע גאָלד,
וואָס שמט אין גאַנצן לאַנד.

„ווער איז די פּריצה אין דער קאָטש?
ווייזט אוים אַז נישט פון הי!"
אבישג שמייכלט אין איר שלאָף,
די פּריצה — דאָס איז זי.

זי זאָגט צום קוטשער: „יונה, שנעל,
דער מלך וואַרט אויף מיר.
ער שטייט מסתמא אין מונדיר
אין דרויסן פאַר דער טיר."

דער חלום-מלך איז יונג און שלאַנק,
אַט פּונקט ווי זיין פּאָרטרעט
וואָס הענגט זינט יאָרן אויף דער וואַנט
איבער דער מאַמעס בעט.

דער מלך נעמט זי אונטער׳ם אָרעם,
און אַרויף די מירמלטרעפּ
קלינגען זיינע גאָלדענע שפּאָרן
און ס׳רוישט איר זיידענער שלעפּ.

און ס׳זענען אַן עדות קינד און קייט
און אַן עדות — באַרג און טאָל,
אַז ס׳איז נישט קיין ליבע אויף איין נאַכט,
נאָר אַ ליבע פאַר אַלע מאָל.

דער קוקו רופט דאָס שטילע דאָרף:
קוקו — דער מאָרגן בלויט.
ר׳ לייזער פּאָיעט אַן די פערד
און ס׳וואַרט די שווערע בויד.

דוד המלך און אבישג

דער מלך מישט דאָס תהילימל
(ס'איז טיפֿע מיטן-נאַכט)
אין דרויסן פֿאַרן טויער שטייט
אַ זעלנער אויף דער וואַך.

דער מלך מורמלט: „גרויסער גאָט,
איך ווייס אַז דו ביזט דאָ
אין מיר און אין מיין תהילימל
אין יעדער מינדסטער שעה."

ער הייבט זיך אויף — גענוג פֿאַר היינט
מיט גאָט ברוך הוא גערעדט,
און ווי אַ שאָטן שאַרט ער זיך
פּאַמעלעך צו צום בעט.

אבישג שלאָפֿט, זי אָטעמט שטיל.
און ער — זי רעדט פֿון שלאָף,
און פֿון איר חלום שמעקט אַרויס
אַ טאָלעקע מיט שאָף.

אַ וואַסער און אַ נאָדלוואַלד,
אַ דאָרף-לבנה גרויס,
אַן אַלטער פֿרומער ליפּעבוים
וואָס היט דער מאַמעס הויז.

אַ טרויער און אַ נאָגעניש,
אַ בענקעניש וואָס ציט
אַוועק פונעם מלכס תהילימל
צו אַן אייגן ליד.

דער מלך טראַכט: אַ מאָדנע זאַך —
זי ליגט אין הוילן העמד,
נאָענט צו מיר אין מיין באַריר,
און דאָך אי ווייט אי פרעמד.

ער בייגט דעם אַלטן ווייסן קאָפּ
און קושט דאָס דאָרף אין איר
און קושט דעם אַלטן ליפּעבוים
וואָס היט דער מאַמעס טיר.

און מיט שטילע מידע טריט
גייט ער צוריק צום טיש.
אַ שטילער זיפץ. אַ גלעט די באָרד,
און דאָס תהילימל אַ מיש.

אבישג שרייבט אַהיים אַ בריוו

אבישג זיצט אין איר חדרל
און שרייבט אַהיים אַ בריוו:
אַ גרוס דער טאָלעקע מיט שאָף —
זי שרייבט און זיפצט אָפּ טיף.

אַ גרוס דער אַלטער מאַמעשי
און דעם אַלטן ליפּעבוים;
זי זעט דיביידע אַלטע לייט
אָפּט מאָל אין איר טרוים.

אַ גרוס דעם שיינעם מילנעריונג
וואָס אַרבעט אין דער מיל —
דעם פּאַסטוך עוזר, איר זאָל זיין
פאַר זיין פייפלשפּיל —

דער מלך דוד איז אַלט און פרום
און זי אַליין איז „עט",
זי איז דעם מלכס וואַרעמפלאַש
וואָס וואַרעמט אים דאָס בעט.

זי האָט געמיינט... נאָר מאַלע וואָס
אַ דאָרפיש מיידל מיינט...
זי האָט נישט איין מאָל אין די נעכט
איר גורל שטיל באַוויינט.

אמת, סע זאָגן קלוגע לייט,
אַז זי טוט אַ ווילע זאַך.
זיי זאָגן איר אַפּילו צו
אַ שורה אין תנ"ך.

אַ שורה פאַר איר יונגן לייב
און פאַר אירע יונגע יאָר.
אַ שורה טינט אויף פּערגאַמענט
פאַר אַ גאַנצער וואָר.

אבישג לעגט אוועק די פּען,
איר האַרץ איז מאָדנע שווער,
פון אירע אויגן קאַפּעט, פאַלט
אויפן בריוו אַ טרער.

די טרער פאַרמעקט די „מאַמעשי"
און פאַרמעקט דעם „ליפּעבוים"
און אין אַ ווינקל כליפּעט שטיל
אַ צאַרטער מיידלטרוים.

אבישגס טרויער

אבישגס טרויער איז אַ גאָלדן זייגערל
וואָס דער מלך האָט איר געשענקט.
דרייט זי די ווייזערלעך אויף צוריק
און זי זעט וואָס זי געדענקט:

דאָס דאָרף, די מאַמע, און די סטאַדע שאָף,
דעם עפּלסאָד פון יונה דעם גביר,
און דעם אַלטן פרומען ליפּעבוים
וואָס שטייט און היט דער מאַמעס טיר.

פאַר אָט דעם אַלטן פרומען ליפּעבוים
האָט זי אַ מאָל אירע סודות אָנגעטרויט,
די סודות פון אַ שלעפל אַ יאָר אַכט
ביזן שטילן סוד פון אַ גרויסער כלה־מויד.

„אוי, אַלטער ליפּעבוים, דו ווייסט, פאַרשטייסט,
ס׳איז נישט דאָס מילנער־יינגל פון דער מיל,
נאָר נאָטע בן הלל דער שלאַנקער שניידעריונג
וואָס ווייסט נישט מסתמא וואָס איך פיל.

זיי דו דער שדכן, אַלטער ליפּעבוים,
ווען ער גייט פאַרביי, טאָ זאָג אים אויס,
אַז לכבוד אים איז דאָס גרינע פאַרטעכל
און אין מיינע האָר די רויטע רעגנרויז;

אַז לכּבוד אים די גאָלדענע אוירינגלעך
אין מיינע אויערן. און דאָס געבלימטע שבת־קלייד
וואָס כ׳טראָג אין דער וואָכן. און דאָס רויטלען זיך
פֿון אַלע מיינע רויזן אויף דער בייט;

לכּבֿוד אים דאָס שנירל קרעלן אויפֿן האַלדז
(אַ מציאה געהאַנדלט אויפֿן לענטשעווער יאַריד),
זיי זענען מזלדיק, זאָגט די אַלטע טרעפּערקע,
און דאָס אייגענע זאָגט דער גערער גוטער ייד.״

אבישגס טרויער איז אַ גאָלדן זייגערל
וואָס דער מלך האָט איר געשענקט;
דרייט זי די ווייזערלעך אויף צוריק
און זי זעט וואָס זי געדענקט:

דאָס וועלדל, די לאָנקע און די אַלטע פֿליגלמיל
וואָס האַלט כּסדר אירע אָרעמס אויסגעשפּרייט;
אַ „ס׳קאָצל קומט!״ דעם שבת קודש וואָס קומט אָן,
אַ „זיי געזונט!״ דעם שבת קודש וואָס פֿאַרגייט.



רות

דעם פראַגמענט פון דער פּאָעמע "רות" ווידמע איך מיין שוועסטער שיינדל און איר חבר, דעם וועבער וואָלקע גלאָזמאַן.
צוויי דריטל פון דער פּאָעמע אין איינעם מיט אַנדערע מאַנוסקריפּטן, זענען מיר פאַרלוירן געגאַנגען בעת מיין וואַנדער און וואָגל.

"רות", אָנגעשריבן אין צפון־אַפריקע אין יאָר 1940, איז געוואָרן צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1942 אין באַנד "וואָלקנס איבערן דאַך", אין לאָנדאָן.

נעמי זאָגט „גאָט פון אברם"

די אַלטע נעמי אין מיטן שטוב
שעפּטשעט „גאָט פון אברם",
די בלאָנדע שנורן נעבן איר
הערן פּאָרכטיק און פרום.

„גאָט פון אברהם, גרויסער גאָט,
דער הייליקער שבת פאַרגייט
און ווי דער שבת אין פרעמדן דאָרף
אַזוי איז אַוועק מיין פרייד."

זי גייט פּאַמעלעך צום פענצטער צו:
אין דרויסן טונקלט די מיל.
זי אָטעמט מיט די פליגל קוים,
דער אָונטווינט איז קיל.

די מיל האָט אלימלך געקויפט
און די מיל האָט געמאָלן ברויט,
איצט איז דער מאַן אויף דער אמתער וועלט
און ביידע זין זענען טויט.

איצט איז זי אַ וויסטע אלמנה אין דאָרף,
מיטביידע שנורן אַליין —
ערפּה איז גוט ווי ראָזעווע ברויט
און רות איז פרום און שיין.

נעמי דערמאָנט זיך: אַ מאָל אַ מאָל,
זי האָט די שיקסלעך נישט געוואָלט,
נאָר ס׳איז מסתמא געווען באַשערט —
איצט האָט זי ביידע האָלד.

זיי האָבן די זין אירע ליב געהאַט,
געאַרבעט מיט זיי אין פעלד.
און שווער און שוויגער „דאָס אויג אין קאָפּ"
און כבוד פון דער וועלט.

איצט זענען זיי נעבעך אלמנות צוויי
און זי — אַן אלמנה אַליין.
פאַר זיי האָט די ערד נאָך מסתמא פרייד,
נאָר זי, אַן עלנטער שטיין,

וועט זיך שלעפּן און שלעפּן צו פוס,
ביז זי וועט קומען קיין כנען
און דאָרטן וועט דער מלאך־המוות
ווערן איר צווייטער מאַן.

נעמי שעפּטשעט, און נעבן איר
האָרכן די שנורן פרום —
אין דרויסן שמעקט מיט היי און ווינט,
אין שטוב מיט „גאָט פון אברם".

נעמי רעדט צו אירע שנורן

ערפה גיסט אָן פונעם סאַמאָוואַר
דריי גלעזער מיט הייסן טיי,
דאָס ערשטע גלאָז דער שוויגער־לעב,
איר קאָפ איז ווייס ווי שניי.

אין דרויסן די שפעטע זומערנאַכט,
אַ שיקסע אין שטערנהעמד,
כישופט און זינגט און רופט צוריק
די ליבע פון דער פרעמד.

און וואָס זי זינגט, חזרט איבער דער טייך,
חזרט איבער דער ווינט אין פעלד,
חזרט איבער דער וועג, חזרט איבער דער וואַלד,
חזרט איבער די גאַנצע וועלט.

נאָר צו די דריי אלמנות אין שטוב
דערגייט נישט דאָס זיסע ליד.
רות איז טרויעריק, ערפה פאַרטראַכט
און נעמי איז אַלט און מיד.

הייבט נעמי אויף דעם קאָפ און זאָגט :
„הערט, טעכטער מיינע, הערט,
וואָס איז אַן אַלט צעבראָכן מענטש,
אומשטיינס געזאָגט, די ווערט.

איז וויל איך מאָרגן גאַנץ קאַיאָר
גיין אין מיין לאַנד צוריק,
זאָל דאָרטן כאָטש מיין קבר זיין
וווּ ס'איז געווען מיין וויג.

און איר, איר קערט זיך אום אַהיים,
אַ יעדע מיט איר וועג
און זאָל מיין ברכה זיין מיט אייך
ביזן סוף פון אייערע טעג."

נעמי שווייגט. דער נאַפטלאָמפּ ברענט
און סע זשומעט דער סאַמאָוואַר.
און איבער די דריי אלמנה־קעפּ
ציטערט די קרוין פון צער...

נעמי קען נישט שלאָפן

די אַלטע נעמי ליגט אין בעט
און קען נישט אַנטשלאָפן ווערן,
אין פענצטער ציטערן גוט און גאָלד
דריי גרויסע פרומע שטערן.

די אייגענע שטערן וואָס אין דער היים,
פאַר וואָס זשע זענען זיי פרעמד?
און נעמי פילט ווי דאָס אַלטע האַרץ
קלעמט און קלעמט און קלעמט.

אונטער די פרעמדע שטערן הי
לאָזט זי קברים צוריק,
איבער די קברים וויינט און קלאָגט
איר אייגן חרוב גליק.

מאָרגן קאַיאָר, מיטן אייבערשטנס הילף,
גייט זי אויף תמיד אַוועק.
טאַקע? באמת? און מיט אַ מאָל
באַפאַלט זי אַ מאָדנער שרעק.

די קברים מאָנען און רופן זי:
„נעמי... מאַמע... נייןǃ
בלייב דאָ מיט אונדז, בלייב נעבן אונדז,
דו טאָרסט, דו וועסט נישט גיין.

נישט דאָרטן ווו ס׳שטייט דיין וויג,
נישט דאָרטן איז דיין היים,
נאָר דאָ ווו דו האָסט אונדז פאַרשאַרט
מיט פייכטער ערד און ליים.״

נעמי פיבערט: „גערעכטער גאָט,
אַנטפּלעק פאַר מיר דעם וועג,
צי זאָל איך גיין, צי בלייבן דאָ
ביזן סוף פון מיינע טעג?״

און נעמי הערט ווי ס׳רוישט דער ווינט
אין נאָענטן עפּלסאָד
און מיט אַ מאָל און אַן אַ קול
אַנטפּלעקט זיך גאָטס גענאָד.

„די טויטע זענען שאָטנס בלויז
וואָס טוען רק נאָר וויי,
און גאָט איז ליכט, איז אייביק ליכט,
שטיי אויף פאַר טאָג און גיי!

נישט ביי די קברים וואַכט דיין גאָט
נאָר דאָרטן ביי דיין וויג,
שטיי אויף, מיין קינד, ווען ס׳טאָגט דער טאָג,
און גיי אַהיים צוריק!״

נעמי שמייכלט. אין דרויסן רוישט
דער ווינט אין עפּלסאָד.
זי ווערט אַנטשלאָפן און איבער איר
ציטערט גאָטס גענאָד.

ערפּה קען נישט שלאָפֿן

ערפּה זיצט אין איר חדר ביי נאַכט
און לייענט נאָך אַ מאָל דעם בריוו.
דער טאַטע, דער אַלטער פּויער, שרייבט,
זי לייענט און אָטעמט טיף.

„ערפּאָסיאַ, טעכטערל, קום אַהיים,
די מאַמע איז אַלט און קראַנק.
קראַסאַ די קו האָט זיך געקאַלבט
און אַלץ איז גאָט־זיי־דאַנק.

„סטאַשעק דער מילנער האָט זיין ווייב
מיט דער האַק ביי נאַכט געטויט,
איצט זיצט ער אין „קאָזע”. געלויבט צו גאָט,
מיר שלעפּן דאָס שטיקל ברויט...

„אַניוסיאַ דעם קאָוואַלס איז פֿון שטאָט
געקומען אַהיים מיט אַ בויך,
די מאַמע וויינט און דער קאָוואַל טרינקט
און שלאָגט אַז ס׳גייט אַ רויך.

„ביי איצקאַ דעם זשיד, דעם שענקער פֿון דאָרף,
האָט מען אַלע שויבן צעקלאַפּט
און איצקאַ אַליין מיט זיין הויזגעזינד
האָבן וואַזשנע אַריינגעכאַפּט.

„יאָ, אַנטעק דער שרייבער פון געריכט
האָט מיך אַנומעלט אָפּגעשטעלט :
— געהערט אַז ערפּאָסיאַס מאַן איז טויט
און זי האָט פאַרשפּילט איר וועלט.

„טאָ זאָל זי קומען אַהיים,
שרייב איר, אַז איך בין גרייט,
כאָטש זי האָט געלעבט מיט אַ זשיד,
זי צו נעמען ווי זי שטייט.״ —

ערפּה לייגט אַוועק דעם בריוו.
אַנטעק רופט זי צוריק,
אפשר טאַקע, אפשר ביי אים
איז איר באַשערט איר גליק?

זי גייט פּאַמעלעך צום פענצטער צו,
איר האַרץ איז מאָדנע שווער,
דער בית-עולם שלאָפט אין לבנה-שיין
און זי וויינט אַ לעצטע טרער...

רות קען נישט אַנטשלאָפֿן ווערן

רות שטייט פאַרן שפּיגל שלאַנק
און צעקעמט אירע בלאָנדע האָר.
די רייד וואָס די שוויגער האָט גערעדט
זענען ביז צום ווייטיק קלאָר.

מאָרגן, דאָס הייסט אין עטלעכע שעה,
וועט די אַלטע שוויגער אַליין
גיין צו איר פאָלק און צו איר גאָט
און זי, ווו וועט זי גיין?

אַהיים אין דאָרף ווו דער טאַטע טרינקט
און די בייזע שטיפּמאַמע שעלט,
די געלע מאַרוסיאַ, זי האָט איר גענוג
פאַראומערט, פאַרפינצטערט די וועלט.

אַהיים אין דאָרף ווו דער פּריץ שלאָגט
די קנעכט מיט אַן אייזערנער רוט,
זי געדענקט ווי היינט דעם ברודערס גוף
פאַרגאָסן מיט שווייס און בלוט.

אַהיים אין דאָרף ווו דער דולער וואַסיל
דערציילט פאַר יעדן אין מאַרק,
ווי אַזוי פאַן יעזוס האָט אים געבענטשט
אויפן שפּיץ פּונעם קלויסטערבאַרג.

זי ציטערט. אין דרויסן רוישט דער טייך:
„קום, רוזשקאַ, געליבטע, קום!
איך האָב די אַלטע רוסאַלקע געגעט
און דו ביסט גוט און פרום.

קום, זיי מיין רוסאַלקע, רוזשקאַ קרוין,
קום ווער דאָס וואַסערווייב,
כ'האָב וואַסעררויזן פאַר דיינע האָר
און פערל פאַר דיין לייב.

ווערסט האָבן ביי מיר פון כל הגוטס,
וואָס בעסערס קען נישט זיין,
ביי טאָג — דאָס גינגאָלד פון דער זון
און ביי נאַכט — דעם לבנה־שיין."

רות הערט און פיבערט. יאָ, זי איז גרייט.
אויב די שוויגער נעמט זי נישט מיט,
ווערט זי די רוסאַלקע פונעם טייך.
און זי שמייכלט טרויעריק און מיד...

נעמי פאַרלאָזט דאָס דאָרף

די הענער קרייען פרי אין דאָרף,
סע ציטערט דער באַגין
אין יעדער שויב פון דאָרף וואָס שלאָפט
ווי אַ גרויסע בלאָע שפּין.

נעמי איז וואַך, די גאַנצע נאַכט
קיין אויג נישט צוגעמאַכט.
וויפל ס'איז איר צו לעבן באַשערט —
וועט זי געדענקן די נאַכט.

די דאָזיקע שפּעטע זומערנאַכט
מיט שטערן, טרערן און צער,
מיט קברים וואָס רופן „מאַמע, בלייב״
און מיט דער שטים פונעם האַר

וואָס זאָגט: „שטיי אויף, מיין קינד, פאַר טאָג,
גיי אין דיין לאַנד צוריק,
גאָט טרויערט איבער קברים נישט,
גאָט פרייט זיך מיט דער וויג.״

זי נעמט איר פּעקל. „ערפּה! רות!״
— שוויגער, מיר זענען גרייט!
ערפּה פאַררויטלט, די האָר צעלאָזט,
רות אין אַ סיצן קלייד.

זיי גייען. אָט איז די קרעטשמע פון דאָרף,
די קוזניע פון יאַנעק דעם שמיד,
דאָס קלויסטערל מיטן גרינעם דאַך
ווו אַ בלינדער בעטלער קניט.

אָט איז די בריק און דער צווינטער פון דאָרף
און אָט איז דער ברייטער שליאַך,
און דאָרט ווו דער הימל רירט אָן די ערד
איז דאָס לאַנד פון דעם תנ״ך.

דאָס לאַנד ווו די אבות האָבן געלעבט,
דאָס לאַנד ווו דער מאַנדלבוים בליט,
ווו דער ווינט און דער אָדלער זענען פרום
און ס׳ציטערט דאָס הייליקע ליד

איבער באַרג און טאָל, איבער וואַלד און פעלד,
איבער וואַסער, גראָז און בוים,
ווו גאָט איז אויף אַן אמתן דאָ
און נישט בלויז אין דיין טרוים.

נעמי שמייכלט. דער אייבערשטער לעבט
און זי איז זיינס אַ קינד —
רות נעבן איר איז טרויעריק און בלייך,
מיט ערפּהס האָר שפּילט דער ווינט.

אויפן שיידוועג

אויפן שיידוועג זינגט דער זומערווינט:
— די וועגן זענען אַלט,
איין וועג צום דאָרף, איין וועג צו גאָט,
דער דריטער וועג צום וואַלד.

דער וועג וואָס פירט צום ווילדן וואַלד,
דאָס איז דער וועג פון טויט.
דער וועג וואָס פירט צום שטילן דאָרף,
דאָס איז דער וועג פון ברויט.

דער דריטער וועג וואָס פירט צו גאָט,
דאָס איז דער וועג פון פרייד,
ווייל גאָט איז פרייד און איבער-פרייד,
גאָט איז אייביקייט.

נעמי האָרכט. איר האַרץ פאַרשטייט
וואָס ס׳זינגט דער זומערווינט,
זי האָט זיין פלאַפל שוין געהערט
אין וויגל נאָך, אַ קינד.

זי אָטעמט טיף. סע שמעקט אין פעלד
מיט פריש-געשניטן היי,
פאַר וואָס זשע טוט דאָס שיידן איר
אַזש ביז צו טרערן וויי?

און נעמי זאָגט: „הערט, טעכטער, הערט,
וואָס ס'האָט צו זיין זאָל זיין,
מיר פראַוועווען די לעצטע סעודה דאָ
מיט קאָרנברויט און וויין."

זיי זעצן זיך ביים ראַנד פון וועג
און פראַוועווען די סעודה שטיל,
פון דער ווייטנס ווינקט צו זיי
די אַלטע פאַרלאָזטע מיל.

די אַלטע גוטע פאַרלאָזטע מיל
שטרעקט אויס די הענט צו זיי:
— איך האָב אייך יאָרן געטריי גערינט,
פאַר וואָס טוט איר מיר וויי?

די ליפּעבוימער פאַזע וועג,
זיי זענען מיד און אַלט.
זיי רוישן היינט ווי אַלע מאָל
די בענקשאַפט צו דעם וואַלד.

די פרויען זיצן פאַזע וועג
און פראַוועווען די סעודה שטום
און איבער די דריי אלמנה־קעפּ
פלאַטערן שוואַלבן פרום.

ערפּה געזעגנט זיך

ערפּה איז מאָדנע בלייך און שיין
בשעת זי רעדט די רייד:
„שוויגער, איך האָב אייך ביז אַהער
געגעבן דאָס באַגלייט.

דאָרט הינטער די וואָלקנס ליגט מיין היים
און כאָטש אַזוי איז זי שיין,
און כאָטש אַזוי איז זי אייגן און נאָענט
און אַהין צו וויל איך גיין.

דאָרט בענטשט פאַן יעזוס מיין טאַטנס פעלד
און דער מאַמעס געבויגענעם קאָפּ,
דאָרט טראָגט מיין קינדהייט אַ רויטע שלייף
אין איר בלאָנדן פאַרשייטן צאָפּ.

דאָרט רוישט דאָס וואַסער און מורמלט דער וואַלד
און דער אָדלער איז בלוטיק און שאַרף,
דאָרט שפּילט די ליבע און ס'שפּילט דער טויט
אויף איין און דער זעלבער האַרף.

דאָרט היטן די ווערבעס די ברעגעס פון טייך
און די שטאַרקע דעמבעס דעם וועג,
דאָרט זענען די נעכט ווי כלות פאַרבענקט,
און ווי מוטיקע מענער — די טעג.

דאָרט, שוויגער, איז מיין דאָרף און מיין היים,
דאָרט הינטער די וואָלקנס, דאָס לאַנד.
זייט מוחל — אייער גיין אַהיים
האָט די אייגענע היים מיך דערמאָנט.״

ערפּה שוויגט, זי אָטעמט טיף.
און נעמי הייבט אויף די הענט:
אַז ווייל איז צו דעם וואָס גייט אַהיים
נאָך יאָרן זיין אין דער פרעמד.



מגילה-לידער

דאָס דאָזיקע ביכל איז געווידמעט מיין ברודער
דעם שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער,
מיין סאַמע בעסטן חבר פון די פריעסטע קינדעריאָרן אָן.

די "מגילה־לידער" זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט צום ערשטן מאָל
אין וואַרשע אין יאָר 1936.

די לידער, וואָס זענען געזאַמלט אין דעם ביכל, זענען ווידער אַ מאָל אַ שטיפעריי אַזאַ, אויפֿן שטייגער פֿון די פּורים־שפּילער אין אַלע צייטן.
אין דעם ביכל ווערט דערציילט די אַלטע שיינע מעשה פֿון דער מלכה אסתר, וואָס האָט, אין איינעם מיט איר פֿעטער מרדכי, זיך פֿעסט אַ נעם געטאָן צו המן הרשע און אים סוף־כל־סוף גובר גע־ווען. זייער זכות זאָל אונדז ביישטיין, היינט און אַלע מאָל, אמן סלה!
אמת, די מעשה ווערט דאָ דערציילט אַ ביסל אַנדערש. די אָפֿיציעלע מגילה־שרייבער האָבן למשל פֿאַרשוויגן אַזאַ וויכטיקע געשטאַלט ווי דער שניידעריונג פֿאַסטריגתא, הגם זיין פֿאַרצווייפֿלטע ליבע צו אסתר המלכה און זיין אַטענטאַט אויפֿן מלך אחשורוש האָבן דעצי־דירט וועגן אַ סך וויכטיקע געשעעניש.
אפֿילו דעם אַלטן פֿרומען שניידער־מייַנסטער פֿאָנפּתא האָבן די אָפּי־ציעלע כראָניקאָרן פֿאַרשוויגן. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן נישט גע־וואָלט פֿאַרשוועכן די פּערסישע הויף־לעגענדע מיט אַזעלכע פּראָסטע חיי־וקימס.

— הייסט עס, זיי האָבן געפּאַלשעוועט דעם היסטאָרישן אמת — וועט טענהן דער לעזער און וועט זיין גערעכט! נאָר זיי, די כראָ־ניקאָרן, ליגן שוין פון לאַנג פאַרביסן די ציין אין דער ערד און מיט די הינטנס צו די שטערן. און מעגסט זיי רופן קנאַקניסל ביז משיח וועט קומען.

דער מחבר פון די מגילה־לידער. האָט זיך פלייסיק באַמיט אויסצוגעפינען די פאַרשוויגענע געשטאַלטן. ער האָט יאָרן לאַנג געפאָרשט אין פאַרשידענע אַרכיוון, ביז ס׳איז אים געלונגען זיך צו באַגעגענען מיטן שניידער־געזעלן פאַסטריגתא און מיט זיין אַלטן מיינסטער פאַנפתא.

צי די מי האָט זיך געלוינט? דעם מחבר דוכט זיך, אַז יאָ. ערשטנס, האָט ער פאַרריכט די עוולה, וואָס די אַמאָליקע כראָניקאָרן זענען באַגאַנגען אַנטקעגן די צוויי ריטער פון דער חברה ״נאָדל און שער״. און צווייטנס:

האָט אים די דאָזיקע אַרבעט דערנענטערט צו דער קאָמעדיע, פון וועלכער ער חלומט שוין זינט אַ היפּש ביסל יאָרן.

אין דעם ביכליין שיין פּאַרטראַכט | און גוט געמאַכט | און צום דרוק געבראַכט זיין פאַראַן | פיר יעדערמאַן | סיי ווייב סיי מאַן | פיל וואונדערליכע זאַכן צום ויינען און צום לאַכן | פיל אויסטער־לישע זאַגן | אויס קיניגין אסתרים טאַגן | דרום לויפט בעהענדן | אויס אַלן עקן און ענדן | דאס שיין ביכליין קויפן | דאָס דער וואַגאַנט | איציק מאַנגער גינאַנט | אויס וואַלאַכיש לאַנד מאַג האַבן וואס צום זויפן | אין דעם זכות | וועט הש״י געוויס | אַל אומ־גליק פון אונז ווענדן | און געשווינד | אַלס ווי דער ווינט | משיח בן דוד זענדן אמן סלה.

דאָס ליד פֿונעם לויפֿער

זייט זשע, יידן, שאַ און שטיל!
מיר פֿאַנגען אָן דעם פּורים־שפּיל.

אַ פּורים־שפּיל אין גראַמען,
וואָס האָט טויזנט טעמען.

ווער ס׳וועט עס ליינען,
וועט ווי אַ ביבער וויינען.

און ווער ס׳וועט עס הערן,
וועט לאַכן מיט טרערן.

אַט גייען זיי אַלע שטילע,
די העלדן פֿון דער מגילה:

אחשורוש דער קעניג,
וואָס וויפֿל ער טרינקט איז אים ווייניק.

אסתּר המלכּה, די גרינע,
און ושתּי אין דער קרינאָלינע.

מרדכי דער חכם עתיק
און המן הרשע, דער לאַטעק.

זרש די מכשפה,
וואָס שעלט ווי אַ מגפה.

ויזתא דער רעדאַקטער,
וואָס האָט אַ טשייניק האַקט ער.

און צווישן די אַלע גרויסע לייט
שטייט פּאַסטריגתא ביי דער זייט.

ער וועט אייך אַליין דערציילן,
וואָס ס׳טוט אים נאָגן און קווייַלן.

הקיצור, די אַלע זאַכן,
אויף צום וויינען און צום לאַכן,

וועט איר אין ביכל געפינען —
נעמט זיי אייך גוט אין זינען!

און אויב איך זאָג אייך אַ ליגן...
הערטס און ווערטס אַנטשוויגן!

פאַר וואָס מרדכי הצדיק האָט
געפונען חן ביים מלך

„ווער איז דאָס יידל מיטן האָרב,
וואָס דרייט זיך אין מלכס טויער
און ווו ס'ריידן און שושקען זיך צוויי,
שטעלט ער אונטער אַן אויער?"

„אוי ביסטו אַ נאַרעלע, קינד,
דאָס ווייסטו נישט אפילו?
מרדכי הצדיק איז דער ייד,
דער ייד פון דער מגילה.

ער האָט געפונען ביים מלך חן,
ביי אונדזער מלך, דעם שוטה,
וואָס שיכורט כסדר טאָג און נאַכט
און האָט אַ נאָז אַ רויטע."

„פאַר וואָס זשע האָט ער געפונען חן
ביי אונדזער מלך, דעם שוטה,
וואָס שיכורט כסדר טאָג און נאַכט
און האָט אַ נאָז אַ רויטע?"

„דערפאַר, ווייל ר'האָט אַ מאָל ביי נאַכט
אין טויער זיך אונטערגעהערט,
ווי בגתן ותרש האָבן געזאָגט:
— מיר האָבן דעם מלך אין דר'ערד!

ער איז אַ טיראַן, אַ פינסטערלינג,
אַ רוח'ן אין זיין מאַמען!
לאָמיר אים שיטן אין בעכער סם
און לאָמיר אים פאַרסמען. —

אַזוי האָבןביידע אָפּגערעדט
און זענען צעגאַנגען זיך שטילע
און מרדכי האָט דאָס געמסרט אַלץ
מיטן ניגון פון דער מגילה.

איז דער מלך געוואָרן אין כעס
און נישט געהייסן מאַכן קיין שהיות
און הענגען די בונטאַרן די צוויי
אויף צוויי באַזונדערע תליות.

און צו מרדכי הצדיק האָט ער געזאָגט:
— דו מעגסט אין מיין טויער האַנדלען
מיט שנורעוואַדלעס און כשרער זייף,
מיט פּאַסטאַ און מיט מאַנדלען." —

פאַרטראַכט זיך דאָס קינד און די מאַמע שווייגט,
דער אָוונט איז בלאָ ווי אַ תפילה —
און נאָר די פליגן אויף דער וואַנט
זשומען שטיל די מגילה.

די מלכה ושתי

די מלכה זיצט אין בלויזן העמד —
דער גאָלדענער אינדערפרי
שטיפט מיט אַ שטראַל אין אירע האָר
און לייגט אים איר איבער די קני.

פאַרשעמט זיך די מלכה און זי זאָגט:
„אַוועק, דו עזותניק, דו!
גיי שטיף מיט מיינע דינסטן אין קיך,
נאָר די מלכה לאָז צו רו!"

נאָר דער שטראַל, ווייזט אויס, פאַרשטייט זי נישט,
איר לשון איז אים פרעמד,
אָט רייפלט ער זיך אַרום איר האַלדז,
אָט וואָיוועט ער אין איר העמד.

„אַהי נאַ טעבע!" — זי ציטערט אויף:
ווען ס'וואָלט זיך דערוווּסט איר מאַן,
אַז זי, די מלכה, האָט געשטיפט
מיט אַ פּראָסטן אונטערטאַן,

וואָלט ער... זי שרעקט זיך צו טראַכטן וואָס
און ווערט אַזש גרין און בלאַס:
אַ מאַן אַ שוטה און אַ שיכור דערצו
איז מסוכן אין זיין כעס.

זי גייט צום שפּיגל צו. זי איז שיין.
אַן אַלטער גענעראַל
האָט ערשט זיך דערשאָסן צוליב איר
אין הויף פונעם אַרסענאַל.

„אַ שיינע ריינע...״ דער עיקר, אויף היינט
איז די וועטשערע אָנגעגרייט:
יונגע לייטנאַנטס, באַלעט, מוזיק,
שאַמפּאַניער, געלעכטער, פרייד.

נאָר המן וועט זיצן אין דער היים,
זי האָט אים מסוכן פיינט,
דעם זשוליק, דעם פּאַרוועני. זי פילט,
אַז ער איז איר נישט קיין פריינד.

„זאַשיאַ!״ — דאָס קאַמערמיידל קומט —
„דערלאַנג מיר דאָס שענסטע קלייד!״
און ושתי הערט נישט, ווי עפּעס אין איר
צעכליפּעט זיך שטילערהייט.

דעם מלכּס סעודה

זאָגט דער מלך שיכור,
די אויגן פול מיט טרערן:
„די מלכה ושתי שיינט
ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן.

צוויי צעפּ ביז די קני
און אַ לייב, ווייס ווי שניי,
און אויגענעס אַ פּאָר,
כאָטש גיי אויס נאָך זיי."

שמייכלט המן כיטרע:
„פּאַטער קיניג דו מיין,
לאָז די מלכה קומען
אַ נאַקעטע צו גיין.

וועלן די אַלע שררות,
די הויכגעשטעלטע פּאַרשוינען,
זען איר שאָנהייט
און גאַפּן און שטוינען."

זאָגט דער מלך שיכור:
„און דאָס איז מיין באַגער,
די מלכה זאָל תיכף קומען
אַ נאַקעטע אַהער!"

לויפן די שטאַפעטן
און קומען צוריק צו גיין:
„דער מלכה ושתי
טוען ווײ די ציין.״

שמייכלט המן כיטרע:
„אדוני קיניג, ניין,
ס׳אַ תירוץ פאַר די בענטשליכט
די מעשה מיט די ציין.״

זאָגט דער מלך שיכור:
„טאָ זאָל מען זי ברענגען!
אַז נישט וועט מען זי
אי שיסן אי הענגען.״

לויפן די שטאַפעטן
און קומען באַלד ווידער,
מיט קלאַפנדיקע ציין
און ציטערנדיקע גלידער.

„די מלכה האָט פאַרריגלט
אויף זיבן ריגלען די טיר
און דורך אַ שפּאַרונע
באַפוילן צו דיר:

דער מלך איז אַ שיכור
און דערצו אַ שוטה,
ער טוט זיך בלויז בלאַמירן
פאַר אַלע פרעמדע לויטע...״

— — — — — — — — —

זאָגט איין שר צום צווייטן:
„ס'איז שוין צייט צו גיין,
מיין אַלטע קער שוין וואָרטשען,
זי ליגט אין בעט אַליין.״

אַ דריטער נעמט דעם זייגער
פון וועסטלטאַש אַרויס.
טוען אַלע אָן די צילינדערס
און שאַרן זיך שטיל אַרויס...

ושתים קלאָגליד

וויינט די מלכה ושתי
מיט אַ ביטער געוויין,
וואָס זי מוז אַזוי יונג
פון דער וועלט אַוועקגיין:

„מיין טאַטע איז געווען
איין מעכטיקער פּאַן,
האָט זיך מיר פאַרגלוסט
אַ שיכור פאַר אַ מאַן.

מיין טאַטע האָט מיך געוואָרנט:
ניטע, טאָכטער, ניטע!
נעם בעסער פאַר אַ מאַן
דעם כראַביע פון ליטע.

כ׳האָב אים נישט געפאָלגט,
כ׳האָב אים נישט געהערט,
איצט טו איך ליגן
ניין איילן אין דר׳ערד.

כ׳האָב אים נישט געפאָלגט,
איצט טו איך באַצאָלן.
פאַרנעמטס מיין געוויין,
איר בערג און איר טאָלן!

כ'האָב געפּרעגלט איינגעמאַכטס
און אָנגעפילט די סלאָיעס,
איצט מוז איך פאַרלאָזן
מיינע ליכטיקע פּאָקאָיעס.

מיינע ליכטיקע פּאָקאָיעס
מיט די מעשענע בעטן,
די סאַמעטענע קליידער
מיט די טייערע העטן.

דער מלך וועט זיך נעמען
אַ יונג, שיין ווייב
און די ווערעם וועלן עסן
מיין יונג, שיין לייב.

ניטע, תּליון, ניטע,
קום נאָך נישט צו גיין,
לאָז מיך נאָך אַ רגע
מיט מיין ווייטאָג אַליין!

לאָז מיך נאָך אַ רגע
מיטן זונפאַרגאַנג!
מיין יונג, שיין לעבן
טוט מיר זייער באַנג.

מיין יונג, שיין לעבן
און מיינע יונגע יאָר,
מיינע גילדענע רינגען
און מיינע גילדענע האָר.

ניטע, תליון, ניטע
מאָך נאָך נישט נאַכט,
ביז כ׳וועל נישט האָבן
כאָטש איין מאָל געלאַכט.״

אַזוי וויינט די מלכה ושתי
מיט אַ ביטער געוויין,
וואָס זי מוז אַזוי יונג
פון דער וועלט אַוועקגיין.

די מלכה ושתי גייט צו דער תליה

„זעסט, ציפעלע, מיט יענער גאַס
וועט מען די מלכה פירן,
דער מלך האָט זי נעבעך געטאָן
מיט אַ ביטערן טויט שטראָפירן.״

„אַ מיצווה! אַז דער מלך רופט,
האָט זי געדאַרפט צו גיין!
און דו, אַ שטייגער, אויף איר אָרט,
וואָלסט אויך נישט געגאַנגען — ניין?״

„געגאַנגען, וואָס רעדטסטו, רבקה־קרוין?
איך וואָלט ווי אַ פויגל געפלויגן
און זיך נאַקעט אַוועקגעשטעלט
פאַר אַלע שררישע אויגן.

און צום מלך וואָלט איך געזאָגט
פּעוונע די דאָזיקע ווערטער:
— האָסט גערופן, אָט בין איך דאָ,
אחשורוש, מיין באַשערטער.

וואָלט דער מלך מיך איינגעהילט
אין זיין פּורפּור־מאַנטל דעם רויטן
און וואָלט פאַרשפּאָרט צו זיין אין כעס
און הייסן דעם תליון מיך טויטן.״

„פע, דבורה־קרוין, דו רעדסט נישט שיין.
מען טאָר נישט אַזוי ריידן.
אַ מיידל, וואָס רעדט אַזוינע רייד,
האָב איך געהערט פונעם זיידן...“

„מאַכטם אַ ווארע!“ — די מלכה גייט
אַנטקעגן דער שטראָף, דער הארבער,
און איבער איר יונגן, שיינעם קאָפּ
פליט אַ יונגער שפּאַרבער.

זי גייט מיט שטילע, געמאָסטענע טריט,
נאָר אירע אויגן ריידן
שטיל און טרויעריק צו אַלע די
שניידעריונגען און מיידן:

„איך גיי אויף אייביק אַוועק פון הי,
אויף תמיד אַוועק פון דאַנען,
נאָר אַז עץ וועט שפּילן דעם פּורים־שפּיל,
זאָלט עץ מיך צום גוטן דערמאַנען!“

„מאַכטם אַ ווארע!“ — די מלכה גייט
אַנטקעגן דער שטראָף, דער הארבער,
און איבער איר יונגן, שיינעם קאָפּ
פליט אַ יונגער שפּאַרבער.

אסתר גרייט זיך צום מלך

אסתר שטייט פאַרן שפיגל שלאַנק
אין אַ בלאָען סאַמעטקלייד,
די פערל בלישטשען אויף איר האַלדז
און זי מורמלט שטילערהייט:

„די לצים, די פורים־שפילער, זיי
זאָגן, אַז עך בין גרין —
אסור! טאַקע נאָר עך אַליין
ווייס, ווי שיין איך בין.״

ס׳טונקלט, דער אַלטער נוסנבוים
רוישט מיד אין פענצטער אַריין:
„ווו איז דער פעטער, אסתרשי,
האַ, ווו קען ער זיין?״

„דער פעטער?״ — אסתר פאַררויטלט זיך —
„ער דרייט זיך אין מלכס הויף,
דאָרט פירן שדכנים פון איבעראַל
די שענסטע בתולות צונויף.

און עך, דו אַלטער נוסנבוים,
וועל אויכעט גיין אַהין.
צ׳וואָר, דו אַלטער נוסנבוים,
אַז עך בין טאַקע גרין?״

טריט. דער פעטער מרדכי גייט
מיטן שירעם אין דער האַנט,
זיין שפּיציקער הויקער שאָטנט זיך
און שפּרינגט פון וואַנט צו וואַנט.

ער קראַצט דאָס בערדל און ער זאָגט:
„נו, אסתרל, ביסט שוין גרייט?
ס'פּאַסט דיר קיינע־האָרע, קינד,
דאָס בלאָע סאַמעטקלייד.

דער מלך וועט פאַרגאַפן נאָך דיר,
אויסגיין נאָך דיינע טריט,
ווי דו זעסט מיך לעבן, אסתרשי,
און ווי עך בין אַ ייד.

נו, אסתרל, מיטן רעכטן פוס!"...
זיי שאַרן זיך שטיל אַרויס,
דער קליינער פעטער מיטן האָרב
און אסתר, שלאַנק און גרויס.

מרדכי גייט אַהיים פון אסתרס חתונה

פאַר טאָג. דער אַלטער ר׳ מרדכי גייט
פון דער חתונה אַהיים בגילופין
און לאָזט דאָס שייגעצל — דעם ווינט —
מיט באָרד און פאות שטיפן.

וואָס דען זשע — ער, אַן אַלטער ייד,
וועט גיין זיך מיט אים שלאָגן?
צי האָבן דען כוח די אַלטע פיס
אַזאַ לאָבוס נאָכצויאָגן?

דער עיקר איז, וואָס אסתרל איז
מיט מזל די מלכה געוואָרן
און האָט געירשנט די גילדענע קרוין
פון ושתי מיטן האָרן.

ר׳ מרדכי שמייכלט, ער זעט זיך אין קלויז
אַרומגערינגלט מיט יידן,
ס׳בלישטשען אויגן, ציטערן בערד,
משמעות זיי זענען צופרידן.

כאָטש אסתר איז נישט זיין אייגן קינד,
נאָר זיין ווייבס אַ ווייטע קרובה,
וועט זי דעם פעטער און כל ישראל
פון דעסן טון אַ טובה.

און מרדכי הערט, ווי ר׳ גאָדל זאָגט:
„הערטס, יידן, הערטס! פאַר אַ יאָרן,
ווען כ׳בין, ווי מיין שטייגער, סוכות-צייט
צו „אים״ זאָל לעבן געפאָרן,

האָט „ער״ זאָל לעבן צו מיר געזאָגט:
גיי ווייס דעם אייבערשטנס טבע,
נאָר אַז ר׳וויל זיינע יידעלעך מציל זיין,
איז נאָר דורך אַ נקבה.״

און ר׳ גאָדל דערציילט... נאָר מרדכי קען
זיינע רייד נישט מער דערהערן,
אָט זענען זיי נאָענט, כאָטש ריר זיי אָן,
און אָט ווייטער נאָך פון די שטערן.

ס׳טאָגט. דער אַלטער ר׳ מרדכי גייט
פון דער חתונה אַהיים בגילופין
און לאָזט דאָס שייגעצל — דעם ווינט —
מיט באָרד און פאות שטיפן.

וואָס דען זשע — ער, אַן אַלטער ייד,
וועט גיין זיך מיט אים שלאָגן?
צי האָבן דען כוח די אַלטע פיס
אַזאַ לאָבוס נאָכצויאָגן?

די עלעגיע פון פּאַסטריגתא

פּאַסטריגתא דער שניידעריונג
דרייט זיך אונטער די פענצטער:
„געדענקסטו, אסתרל, דו האָסט געזאָגט,
אַז איך בין ביי דיר דער שענסטער?

געדענקסטו, אסתרל, דו האָסט געזאָגט,
אַז איך בין ביי דיר דער בעסטער,
פאַר וואָס זשע האָסטו מיך אָפּגענאַרט?
זאָג, גיב לשון, אסתר!

געדענקסטו, געדענקסטו יענע נאַכט,
מיר זענען געשטאַנען אין טויער,
ס'האָט גערעגנט און איך האָב דיר
געזאָגט אַ סוד אין אויער:

לאָמיר ביידע אַנטלויפן קיין ווין
און לאָמיר אַ חופה שטעלן —
האָסט דעמאָלט געטראָגן אַ סיצן קלייד
און אַ שנירל רויטע קרעלן.

האָסטו זיך פאַררויטלט און געזאָגט:
נו און ער — דער פעטער —
דער פעטער וועט דאָך זיין אין כעס...
איז מילא... מילא... וועט ער.

און מיר האָבן געגעבן זיך די הענט
און אָפּגעשמועסט, וואָס גיכער,
מירצעשעם אויף שבת נאָך שבועות
וועט זיין די חתונה זיכער.

איצט האָט דיך דער פעטער איבערגערעדט
און די ליגסט אין פּאַלאַץ דאָרטן
און איך האָב פאַרשפּילט מיינע יונגע יאָר
ווי אַ קאַרטאָזשניק אין קאָרטן.

כ'וואָלט איצט געלאָפן, אסתרל קרוין,
אַראָפּ צום טייך זיך טרענקען,
האָב איך מורא, אַז טויטערהייט
זאָל איך נאָך דיר נישט בענקען.

כ'וואָלט זיך געלאָזן, אסתרל קרוין,
וואָגלען אויף אַלע וועגן,
האָב איך מורא, אַז איבעראַל
וועסטו מיר קומען אַנטקעגן.

און וועסט מיר זאָגן דאָס זעלביקע:
„מיין שענסטער און מיין בעסטער" —
פאַר וואָס זשע האָסטו מיך אָפּגענאַרט?
זאָג, גיב לשון, אסתר!"

אסתר המלכה קען נישט שלאָפן

דער קיניג שלאָפט, נאָר די קיניגין
קען נישט אַנטשלאָפן ווערן;
זי קוקט צו די שאָטנס אויף דער וואַנט,
די אויגן פול מיט טרערן.

זי טראַכט פון פּאַסטריגתא אַצינד,
דעם שניידער-געזעלן, דעם בלייכן,
וואָס האָט זי אויף אַן אמת ליב
און קען צו איר נישט גרייכן.

אָט ליגט דער לעצטער בריוו פון אים —
זי שרעקט זיך אים צו נעמען —
ער שרייבט מיט טרערן און נישט מיט טינט,
אַז ער וועט דאָס לעבן זיך נעמען.

און כאָטש זי ווייסט, אַז שוין הונדערט מאָל
האָט ער איר דאָס זעלבע געשריבן,
איז גאָרנישט געשען, געלויבט צו גאָט,
און ער איז לעבן געבליבן.

נאָר דאָס וואָס ער וואָגלט הפקר אַרום
און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען,
מאַכט זי טרויעריק — אוי, גאָטעניו, גאָט —
זי וועט נאָך אַראָפּ פון זינען.

אַט שטייט ער, ווי לעבעדיק, פאַר איר
מיט די הינטיש־געטרייע אויגן
און זינגט איר צום טויזנטסטן מאָל דאָס ליד
פון דער פּאַווע וואָס איז געפלויגן.

זי וויינט, נאָר וואָס העלפט דאָס געוויין,
וואָס העלפן די אַלע יסורים?
זי איז די מלכה און נאָר דורך איר
וועט קומען דער נס פון פּורים.

בעט זי זיך: פּאַסטריגתא, פאַרשווינד!
טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, געטרייער!
אמת, דיין נאָדל פינקלט ווי גאָלד,
נאָר די קרוין, זי ציט ווי פייער.״

און אסתר זעט ווי פּאַסטריגתא גייט,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
און זינגט פאַר זיך אַליין דאָס ליד
פון דער פּאַווע וואָס איז געפלויגן.

און מאָרגן וועט זי באַקומען אַ בריוו
(זי וועט נישט וויסן דורך וועמען)
און ער וועט זי סטראַשען ווידער אַ מאָל,
אַז ער וועט דאָס לעבן זיך נעמען.

פאַסטריגתא חלומט

פאַסטריגתא שמייכלט אין שלאָף,
ער זעט ווי אסתרל גייט,
אַזוי ווי זי איז געגאַנגען אַ מאָל,
אין אַ פשוט סיצן קלייד.

זי גייט אַ שטילע, אַ באָרוועסע,
און שמייכלט אים פרום אַנטקעגן
און ס'שמעקט איר יונגער, שלאַנקער גוף
מיט גראָז און מאַיאָווע רעגן.

זי בייגט זיך איבער אים און זאָגט:
„זיי מיר מוחל, געטרייער!
די ליבע איז פאָרט נישט קיין קלייניקייט,
זי ברענט ווי אַ העליש פייער."

און ער — ער שמייכלט גליקלעך און שטיל:
„גוט וואָס דו ביסט געקומען —
איך האָב פאַר בענקעניש און צער
זיך שיר נישט דאָס לעבן גענומען.

קום, לאָמיר שוין איצט אַנטלויפן קיין ווין
און לאָמיר אַ חופה שטעלן —
איך וועל ווערן אַ מייַנסטער דאָרט
מיט דריי אייגענע געזעלן.

און דו וועסט גיין אין סאַמעט און זייד
און וועסט בלויז קאָכן און באַקן
און איך אַליין וועל פאַרוויגן דאָס קינד
און אַליין דאָס האָלץ צעהאַקן.״

אַט זיצן זיי ביידע אויפן פערד,
וואָס פאַרמעסט זיך מיט די ווינטן,
אסתר האַלט די לייצעס אין האַנט
און פאַסטריגתא זיצט פון הינטן.

האָפּ! האָפּ! האָפּ! „אוי, אסתר, איך פאַל״ —
נאָר אסתר טוט נישט דערהערן —
טראַך! אַט ליגט ער אויף דער ערד,
צעבלוטיקט די נאָז און דעם שטערן.

ער הייבט זיך אויף, ער סאַפּעט, ער לויפט,
ער וועט זי נאָך אפשר דעריאָגן,
נאָר אסתר פאַרשווינדט אין יענער זייט,
ווו דער טאָג הייבט אָן צו טאָגן.

קרעכצט פאַסטריגתא טיף אין שלאָף:
„כ׳האָב זי ווידער אָנגעווווירן,
די גילדענע פאַווע האָט ווידער אַ מאָל
אַ גילדענע פעדער פאַרלוירן.״

מרדכי הצדיק דער שתדלן

ר׳ מרדכי איז מיד. נאָר רק מען קומט:
„ר׳ מרדכי, טוטס אַ טובה!
די מלכה אסתר, זאָל זיין געזונט,
איז דאָך עפּעס ענקערס אַ קרובה.

די מלכה אסתר, זאָל זיין געזונט,
זי קען ביים מלך פּועלן,
ער זאָל מבטל מאַכן דעם גזר,
וואָס ר׳האָט אַליין באַפוילן.״

ר׳ מרדכי קרעכצט. אָט שטייען פאַר אים
אין די טויזנטער קרעמערס יידן,
זיי זיפצען: „אַך, טי גאָטעניו,
מען טרייבט אונדז פון די ירידן.״

וואָס דאַרף מען מער? דער אַלטער רב
האָט ערשט מיט אים איינגעטענהט:
ס׳שיטן זיך גזרות אויף כל ישראל
און מען ווייסט נישט אפילו פון וואַנעט.

אין מרחץ שמועסט מען יאַקבי אַז ער,
ווי הייסט ער דאָרט, המן הרשע...
נאָר אַז די מלכה אסתר, זאָל זיין געזונט,
וועט וועלן — וועט זיין נישקשה.

ר׳ מרדכי שמייכלט: די שונאי־ישראל
זיי זענען מיר וואַזשנע חמורים —
דעם כוח וואָס אסתר פאַרמאָגט אין העמד
פאַרמאָגן נישט טויזנט גבורים.

ער שטעלט דעם זייגער. מירצעשעם אין דער פרי,
אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן,
וועט ער גיין צו איר דורך דער הינטערטיר
און וועט איר אַן עצה געבן.

און אסתר — אַ לעבן אויף איר קאָפּ —
זי וועט שוין ביים מלך פועלן,
ער זאָל מבטל מאַכן דעם גזר,
וואָס ר׳האָט אַליין באַפוילן.

ר׳ מרדכי שלעפט די שטיוול אַראָפּ
און טוט זיך אַ רגע פאַרקלערן
און הערט זיך איין, ווי ס׳בילן די הינט
אַרויף צו די האַרבסטיקע שטערן.

די מלכה קומט צום מלך

אז דער מלך שלאָפט,
שלאָפט ער דאָך נישט אַליין,
ס'קומט די מלכה אסתר
אין העמד צו אים צו גיין.

זי קריכט צו אים אַרונטער
אונטער דעם איבערבעט,
קיצלט אים אונטער דער פּאַכווע
און חנדלט זיך און רעדט:

„צי איז דאָס, אַ מלך, אַ תכלית,
צי האָט עס, אַ מלך, אַ טעם,
אַז המן, אָט דער רשע,
איז דער גאַנצער יאַ־טעבי־דאַם?

אויב כ'האָב, אַ פּאַטער קיניג,
ביי דיר געפונען חן,
טו זשע מיר די טובה! —
דו ווייסט שוין, וואָס איך מיין..."

פּאַרכליסנעט זיך דער מלך:
„אסתרל, הער שוין אויף!
אָט דער רשע המן
וועט האָבן אַ ווייסטן סוף.

ער וועט ביי מיר שוין הענגען
אין אַ שיינעם אינדערפרי,
טאָ הער שוין אויף צו קיצלען,
אסתרל! כי, כי, כי..."

אין דרויסן איז אַ רעגן,
אין דרויסן איז אַ ווינט,
דער ווינט זאָל האָבן שכל,
וואָלט ער אַוועק געשווינד

און אָנגעזאָגט די בשורה
דעם פעטער אין דער היים —
דער פעטער האָט אַ הויקער
און אַן אָפּגעברענטע ברעם.

בייגט זיך צו איר דער מלך:
„אסתרל, איך באַגער..."
טוליעט זי זיך נענטער:
„פֿאַטער קיניג, איך הער..."

און ער האַלדזט זי און ער קושט זי
ביזקל אַ זייגער צוויי
און זי ווערט אַנטשלאָפן טרויעריק
— — — — — — — — — — —
ויהי... ויהי בימי...

פאַסטריגתא שיקט אַ גרוס
מיט די פייגל

פליטס, פייגעלעך, פליטס, געטרייע,
אויף דער מלכה אסתרס דאַך,
און זינגטס אַזוי לאַנג, געטרייע,
ביז זי וועט ווערן וואַך.

דערציילט, אַז איר האָט מיך באַגעגנט
וואָגלען אין מיטן וועג —
אַ רעפטל ברויט אין דער טאָרבע —
דאָס איז מיין גאַנצער פאַרמעג.

און פרעגט זי, דערציילט איר, געטרייע,
וואָס כ׳האָב צו אייך געזאָגט,
צו אייך און צו אַלע ווינטן,
אַז ווען איך וואָלט פאַרמאָגט

צום רעפטל ברויט אין דער טאָרבע
און צו דער נאָדל אין לאַץ
די שיינע אסתר המלכה —
הער איך די וועלט ווי די קאַץ.

נאָר ווי האָט געזאָגט פאָנפתא,
מיין אַלטער מיינסטער, אַ מאָל —
אַ מענטש וואָס בענקט איז שטאַרקער
פון אייזן און פון שטאָל.

גערעכט איז טאַקע דער מייַנסטער,
ס׳איז פּערל זייַן יעדעס וואָרט,
די בענקשאַפט האָט מיך פאַרטריבן
און טרייַבט מיך פון אָרט צו אָרט.

פליטס, פייגעלעך, פליטס, געטרייַע,
צו דער מלכה אסתרס דאַך
און זינגטס אַזוי לאַנג, געטרייַע,
ביז זי וועט ווערן וואַך.

און טאָמער זעט איר, געטרייַע,
די מלכה לאָזט פאַלן אַ טרער,
כאַפּטס די טרער אויף די פליגל
און ברענגט זי צו מיר אַהער.

אַ טרער פון אַ ווייַטער געליבטער
איז אויך אַ שטיקל פאַרמעג,
זי מאַכט אי גרינגער אי שווערער
דאָס איינזאַמע וואָגלען אין וועג.

המן טעלעפאָנירט צו ויזתא
אין דער רעדאַקציע

„האַלאָ, ויזתא, דער טאַטעשי רעדט
— קרייץ-הימל-דאָנערוועטער! —
איך האָב אַ נייעסל, מיין קינד,
פאַר דיינע „נאַרישע בלעטער".

דער מלך, זאָל לעבן, איז פאַר נאַכט
אין מאַרק אויף יאַגד געגאַנגען
און, ווי זיין שטייגער, פליגן געכאַפּט
און גראָד די צענטע געפאַנגען.

איז צווישן די יידישע יאַטקעס אַפיר
אַ צעשויבערטער ייִנגערמאַן
מיט אַ קניפּיקל אין דער האַנט
און אַ געשריי געטאָן! „דו טיראַן,

גיב מיר תיכף מיין אסתרל אָפּ,
אַז נישט זאָג גיך אָפּ ווידוי!
אַ מלך ביסטו? אַ שאַרלאַטאַן!
אַ ממזר בן הנידה!"

איצט ליגט דער מלך אין שפּיטאָל
און דער חברהמאַן אין קייטן;
פאַרשטייסט אַליין, ויזתא, מיין זון —
מען דאַרף די ידיעה פאַרשפּרייטן,

אַז דאָס האָבן זשידעס אָנגעשטעלט,
צו נעמען דעם מלך ס'לעבן —
און אַז דער מלך וועט קומען צו זיך,
וועל איך אים אַן עצה געבן:

אדוני מלך, מיין קלוגער האַר,
מען דאַרף די יידן אויסקוילן.
זיי זענען דאָך אַלע געקומען אַהער
פון ליטע און פון פוילן.

און דו וועסט זען, ויזתא, מיין זון,
אַז פאַר אַלע מיינע יסורים
וועלן די זשידעס היינטיקס יאָר
האָבן אַ וויסטן פורים.״

שמייכלט ויזתא: „יעס, פאַפאַ,
דו קענסט דיך אויף מיר פאַרלאָזן,
די זשידעס וועלן שוין שפרינגען ביי מיר
אַזוי ווי דערשראָקענע האָזן.״

און ער זעצט זיך ביים שרייבטיש אַוועק
און לאַכט צו זיך און רעדט
און ס'שמייכלט פון דער וואַנט אַראָפּ
דעם מלכס קלוגער פּאָרטרעט.

דער מיינסטער פּאָנפּתא האַלט
אַ הספּד אויף פּאַסטריגתא

אַ כאָפּטע שניידערס זיצן אין שענק,
פון דער חברה „נאָדל און שער",
שטייט אויף דער אַלטער פּאָנפּתא
און ווישט אַפּ פונעם אויג אַ טרער:

„איך האָב דעם שניידער-געזעלן
פּאַסטריגתא גוט געקענט —
ער האָט געהאַט אַ האַרץ אַ גאָלדנס
און צוויי גאָלדענע הענט.

ביי אים איז די נאָדל געפלויגן
שנעלער נאָך פונעם ווינט,
האָב איך אים גערעדט אַ שידוך
מיט טאַקע מיין אייגן קינד.

אָן עלטער מיידל אַפילו
מיין חנה-דבורה — איר ווייסט —
נאָר אַ שטילע טויב, אַ געטרייע,
מיין אויג אין קאָפּ, מיין טרייסט.

האָט ער מיר געענטפערט: מיינסטער,
ס'זענען אומזיסט די רייד,
כ'וועל נעמען די מלכה אסתר
אַזוי ווי זי שטייט און גייט.

און כ׳וועל מיט איר אַנטלויפֿן
און שטעלן אַ חופּה אין ווין —
זע איך דאָך, אַז דער בחור
איז בפירוש אַראָפּ פֿונעם זין.

גיי ריכט זיך, אַז ער וועט באַפֿאַלן
דעם מלך אין מיטן מאַרק
מיטן קניפּיקל — מיין מתּנה —
און וועט אים סקאַליטשען דעם קאַרק.

נאָר, אַז מען איז מורד במלכות,
— ווייסט איר דאָך אַלע אַליין —
מוז מען געקאָוועט אין קייטן
דעם גאַנג צו דער תּליה גיין.

נו, איז ער טאַקע געגאַנגען
און האָט געזונגען דאָס ליד
פֿון אסתּר המלכּה, דער שיינער,
און דער גילדענער פּאַווע, וואָס פֿליט.

דעם אָרעמען שניידער־יינגל
איז נישט געווען קיין גליק באַשערט,
טאָ לאָמיר אים ווינטשן, מיינסטערס,
אַז ס׳זאָל אים כאָטש גרינג זיין די ערד.״

אַזוי טענהט דער אַלטער פּאָנפּתא
צו דער חבֿרה „נאָדל און שער״
אוןווישט אָפּ פֿון די אַלטע אויגן
מיטן אַרבל די צווייטע טרער.

דער מלך אחשורוש נאָכן אַטענטאַט

דער מלך שטייט אין די גאַטקעס
ביים אָפענעם פענצטער און טראַכט:
אַזוי פיל ליכטיקע שטערן
פאַרמאָגט די זומערנאַכט.

ער אָטעמט טיף: ס'אַ מחיה
צו לעבן אויף דער ערד,
צו טרינקען וויין און צו הורן
און פאָכען מיט דער שווערד.

אוי, וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער,
ווען דער משוגענער יונגערמאַן
וואָלט אים אויף טויט דערהרגעט
— וואָס וואָלט געווען דאַן?

ער וואָלט אַצינד געלעגן
ניין איילן טיף אין דר'ערד
און וואָלט נישט געזען די שטערן
און די פייגל נישט געהערט.

זיין אסתר וואָלט אפשר געגאַנגען
אַ יאָר אין טרויער געהילט.
און אפשר נישט? — אפשר תיכף
מיט אַ צווייטן אַ ליבע געשפּילט.

צו אים וואָלט געקומען בלויז ושתי:
„ס׳קאָצל קומט, מיין מאַן!
וואָס מאַכט עפּעס מיין קאַנאַריקל
און ווער שפּילט אויף מיין פּאָרטעפּיאַן?"

ער שוידערט. גערעכט איז המן,
מען דאַרף טאַקע מאַכן אַן עק.
מאָרגן נאָך, ניין — טאַקע תיכּף
שיקט ער די בריוו אַוועק.

און זאָלן נישט מיינען די זשידעס,
אַז ס׳איז זיי אַ פּורים־שפּיל —
ער פאַרמאַכט פאַמעלעך דאָס פענצטער:
די לופט ווערט פייכט און קיל.

ער זעצט זיך אַוועק ביים שרייבטיש
און אָטעמט שווער און טיף,
ער שפּייט אַריין אין טינטער
און חתמעט אונטער די בריוו.

מרדכי קומט צו אסתר המלכה

אסתר המלכה זיצט פאַר נאַכט
און לאַטעט דעם מלכס העמד:
וואָס איז זי געווען, מישטיינס געזאָגט?
אַ יתומה אין דער פרעמד.

האָט זיך די מאַמע פאַר איר געמיט
און דער פעטער האָט זי געבראַכט
צום מלך טיפש און האָט זי
פאַר דער גלאַוונער מלכה געמאַכט.

איצט האָט זי דאָ פון כל הגוטס,
זי באָדט זיך אין מילעך און וויין —
און דער מלך איז גינציק צו איר,
וואָס גינציקער קען נישט זיין.

— פוק, פוק! — דער פעטער מרדכי קלאַפּט
און עפנט פּאַמעלעך די טיר:
„אסתרל, גוט וואָס דו ביזם אַליין,
כ'האָב עפּעס נייעס פאַר דיר.“

פרעגט זי: „אפשר דעם פעטערשי
דערלאַנגען אַ גלעזל טיי?
אין דרויסן זאַווערוכעט היינט
אַ רעגן מיט אַ שניי.“

„מילא!" — דער פעטער מרדכי זיפצט —
„אוי, אסתרל, ס'איז נישט גוט:
דעם פּאַרצנטן אדר, פּורים־צייט,
וועט זיך גיסן יידיש בלוט."

אסתר שווייגט. זי ווייסט אַליין,
אַז דער מלך איז אין כעס,
זינט פּאַסטריגתא, דער שניידעריונג,
איז אים באַפאַלן אין גאַס.

און המן רוימט אים כסדר איין
— זשיד און זשיד און זשיד —
אַ סימן: פּאַסטריגתא אַליין
איז אויך געווען אַ ייד.

זאָגט מרדכי שטיל: „זע, אסתרשי קרוין,
גרייט בעסער דעם תענית אָן,
כ'האָב מיטן שטן אָפּגערעדט,
ער וועט דאָס זייניקע טאָן."

ער רוימט איר שטיל אין אויער אַ סוד:
„וועסט, אסתרל, זען, צי ניין,
מיר וועלן נאָך, מיטן אייבערשטנס הילף,
דעם פּורים אַ טענצל גיין."

אסתר פיבערט. פון אירע הענט
גליטשט זיך אַרויס דאָס העמד,
זי פילט זיך איצטער ווידער אַ מאָל
אַ יתומה אין דער פרעמד.

המן הרשע קען נישט שלאָפן

„וואָס שלאָפסטו נישט, המן, אַ קלאָג צו דיר?"
„איך קען נישט שלאָפן, ניין!
קוים ווער איך אַנטדרימלט, קומט מרדכי, דער זשיד,
אין חלום צו מיר צו גיין.

ער שטעלט מיר אַרויס אַ לאַנגע צונג:
— נו המן טאַטעלע — וואָס?
דראַפּעסט זיך אויף די גלייכע ווענט
און בלייבסט מיט אַ לאַנגער נאָז.

און ער זאָגט אַ שפּרונג — כאַל, כאַל, כאַל, כאַל —
און גיסט זיך אָן פון דער פלאַש
אַ קעלישיק בראָנפן און פאַרבייסט
מיט אַ הייסן המן־טאַש.

— פאַר דיין מפּלה, המנשי קרוין,
צי דו ווילסט יאָ, צי ניט —
און ער פּאָנפעט אונטער דער קרומער נאָז
אַ ליד פונעם „פּינטעלע ייד".

שריי איך: אַרויס פון מיין חלום, זשיד!
זאָגט ער מיר: כ'האָב איך אין דר'ערד!
ווער וועמען האָט עס אַרומגעפירט
אין מאַרק אויפן מלכס פערד?"

„אוי, המן מיין מאַן, אַ קלאָג צו דיר,
ביזט דאָך גאָר אַ וואַזשנע כלאָפּ,
אַבי האָסט מיין טאַטן צוגעזאָגט,
אַז דו האָסט אַ מיניסטער־קאָפּ.

אַז ס׳קען אַ קליינער, פאַרכאַטער זשיד
דיך פירן אַזוי ביי דער נאָז —
מעגסטו שוין קייען, המן מיין מאַן,
פאַלאָווע, שטרוי און גראָז.״

„אוי, זרש מיין ווייב, הער אויף, הער אויף,
שטעל אָפּ דיינע ניין מאָס רייד!
וואָס קאָן איך טאָן, אַז די מלכה גייט
אין ספּאָדיק און נישט אין קלייד?״

„טאָ שאַרט מען זיך צו דער מלכה צו,
המן, דו נאַרישער כלאָפּ,
מען מאַכט איר חנדעלעך, ביז מען פאַרדרייט
דער נאַרישער מלכה דעם קאָפּ.״

„ביסט טאַקע גערעכט, אוי, זרש מיין ווייב,
כ׳בין טאַקע אַ לעקיש־בער,
אָט דאָס מיט דער מלכה איז אַ פּלאַן —
דערלאַנג מיר די הויזן אהער!״

און המן שמייכלט: „וואַרט, מרדכי, דו זשיד,
ס׳וועט נאָך זיין צו דיר אַ קלאָג!״
און מיט טויזנט שפּערלען אין עפּלסאָד
צעזינגט זיך אַ יונגער טאָג.

המן דרייט זיך אין מלכּס הויף

פּעטרע, דעם מלכּס אַלטער סטרוזש,
קערט דאָס מיסט צונויף —
זעט ער ווי המן הרשע גייט
אַרום אין מלכּס הויף.

קראַצט דער סטרוזש די פּאָטילניצע:
פּאַן האַמאַן איז אויפגעבראַכט —
די צייכנס אונטער די אויגן, מען זעט,
מינאַסטאָם נישט געשלאָפן די נאַכט.

נעמט דער אַלטער ס'היטל אַראָפּ:
„אַ גוט מאָרגן דעם האַר!
מיר האָבן דאָ נעכטן אַ ביסל געהאַט
עגמת־נפש און צער.

מיצי, דער מלכּהס קעצל, איר ווייסט,
האָט, מיר נישט דיר נישט, קראַפּירט.
איז וויי, וואָס די מלכּה האָט געוויינט
און וואָס זי האָט פּאַרפּירט.“

דרייט המן די שוואַרצע וואָנצעס בייז:
„טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, פּערד!“
און ער שפּרייזט איבערן הויף אַרום
און קלינגט מיט שפּאָרן און שווערד.

און המן זעט, ווי די מלכה אַליין
עפנט דאָס פענצטער אויף
און גיסט דאָס זילבערנע נאַכטגעשיר
אַראָפּ אין מיטן הויף.

זאָגט המן הויך: „דער מלכה אַ דאַנק
פאַר אָט דעם וואַזשנעם לוין!"
און שטיל צו זיך: „די זשידוווקע שלאָפט
אַפילו אין דער קרוין."

אסתר שטייט צעטומלט, פאַרווירט,
מיטן נאַכטגעשיר אין דער האַנט:
„אַ גוט מאָרגן צו המן, דעם האַר,
און זאָל אים זיין באַקאַנט,

אַז מירצעשעם שאַביים-צונאַכטס
מאַך איך אַ מאַסקנבאַל
און ער איז אויך פאַרבעטן דאָרט —
ס'וועט זיין אין גרויסן זאַל."

און אסתר מאַכט דאָס פענצטער צו
און המן שטייט און לאַכט:
„פּאַ, דו שיינע עסטערע, פּאַ —
ביז שבת אויף דער נאַכט..."

פֿאַנפּתא מיט זיינע געזעלן
נייען פֿאַר המן אַ מונדיר

דער אַלטער מייַנסטער פֿאַנפּתא
שטייט מיטן קריידל אין האַנט:
מ'עט שניידן די אַרבל סקאָסנע,
אַז נישט וועט פֿעלן געוואַנט.

און צו די געזעלן זאָגט ער:
„נו, חברה, טוטס ענק אַ ריר!
אויף מאָרגן מוז פֿאַרטיק ווערן
המנס נייער מונדיר."

בלישטשען די נאָדלען און זינגען
— ס'איז צוויי אַ זייגער ביי נאַכט —
פֿאַרטראַכט זיך דער אַלטער מייַנסטער
און אָט פֿון וואָס ער טראַכט:

די מלכה אסתר, זאָל לעבן,
מאַכט מאָרגן אַ מאַסקנבאַל
און המן איז אויך פֿאַרבעטן
— צי קען נישט טראַסקען די גאַל?

דער דאָזיקער רשע, המן,
וואָס שיט מיט גזרות און שיט —
ס'מוז דאָך אַפילו אָרן
אַ משומד, נישט נאָר אַ ייד.

צעזינגט זיך לאָזער דער לאַנגער:
„אַזוי איז די מעשה געווען —
אַ שניידעריונג האָט אין שפּיגל
די מלכה אסתר דערזען.

האָט ער געזאָגט צו דער מלכה:
— קום לאָמיר אַנטלויפן קיין ווין
און לאָמיר פאַרזעצן דעם דלות
און קויפן אַ זינגער־מאַשין."

זיפצט דער מײַנסטער: „די חברה
האָבן אַ לידל פאַרפאַסט
אויף דעם אָרעמען פאַסטריגתא,
ווי פאַר שניידעריונגען פּאַסט."

פליען און בלישטשען די נאָדלען
— ס'איז שוין אַ זייגער פיר —
און מאָרגן מוז פאַרטיק ווערן
המנס נייער מונדיר.

אין דרויסן דאָס לערן־יינגל
צעפּאַכעט דאָס פּרעסל אין הויף,
פליען די פונקען און גליען
און בריען די נאַכט אין איר לויף.

מרדכי הצדיק וואַרט אויפֿן שטן

דער אַלטער ר׳ מרדכי זיצט פֿאַר נאַכט
ביי זיך אין אַלקער און וואַרט:
צי האָט נישט דער שטן, ימח שמם,
אים חלילה אָפּגענאַרט?

ר׳ מרדכי (ס׳בלייבט דערוויל אַ סוד)
האָט מיטן שטן אָפּגערעדט,
ער וויל אים ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף
אַ שטופּ טאָן המן צום בעט,

ווו זי, די מלכה, זאָל זיין געזונט,
וועט ליגן ניבעטאַ קראַנק
(ר׳ מרדכי איז נתפּעל פֿון זיך
פֿאַר אָט דעם וואַזשנעם געדאַנק).

אַז דער מלך וועט דאָס דערזען,
וועט ער ווערן מלא כעס
און וועט אַ געשריי טאָן אויפֿן קול:
„האַמאַן, וואָס איז דאָס?

טשעפּעסט זיך צו דער מלכה גאָר?!
טאָ ליג זשע טיף אין דר׳ערד!״
און צו מרדכי הצדיק געווענדט:
„דאָס איז דאָך אונערהערט.״

און המן (מרדכי איז זיכער אין דעם)
וועט שוין האָבן אַ וויסטן סוף —
ער פאַרמאַכט די אויגן און זעט בחוש,
ווי מען הענגט דעם רשע אויף.

און ער זעט בחוש, ווי דער אַלטער רב
קריכט אויף די גלייכע ווענט:
„גראַגערטס, יידן, שטאַרקער, געוואַלט!
דער רשע איז געוואָרן פאַרלענדט!"

נאָר ער — ר' מרדכי — וועט געלאַסן און שטיל
אַ זאָג טאָן: „דעם איבערשטנס נס,
ווי ער האָט דאָס רעדל איבערגעדרייט
כמעט אין איין מעת-לעת."

נאָר וווּ איז דער שטן, ימח שמם?
ר' מרדכי זיצט און וואַרט
און אפשר האָט דער לאָבוס — הא —
אים ווידער אָפּגענאַרט?

ער האָט בפירוש (ס'בלייבט אַ סוד)
מיטן שטן אָפּגערעדט,
כדי אים צו ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף
אַ שטופּ טאָן המן צום בעט.

דער מיינסטער פֿאָנפּתא גרייט זיך
צום תענית

דער אַלטער מיינסטער פֿאָנפּתא
זיצט ביי דער גיימאַשין
און טרויעריק־שווערע מחשבות
קומען אים אויפֿן זין.

דער אַלטער רב ר׳ גדליה
האָט היינט אין שול געליינט
דעם כתב פֿון דער מלכה אסתר
און האָט זיך דאַביי צעוויינט.

„יידן״ — אַזוי שרייבט די מלכה —
„איך בין איצט גוזר אויף אייך,
אַז עץ זאָלט אַלע פֿאַסטן,
סיי אָרעם און סיי רייך.

אין דעם זכות וועט המן הרשע
ליגן טיף אין דר׳ערד
און וועט פֿאַרשפּאָרן צו שניידן
ביי פֿרומע יידן די בערד.

אין דעם זכות וועלן יידן עסן
המן־טאַשן מיט מאָן
און אונדזערע פּורים־שפּילער
וועלן האָבן וואָס צו טאָן.״

זיפֿצט דער אַלטער מיינסטער:
גיי טענה אָבער מיט זיי,
זיי האָבן באַהאַלטן די נאָדלען
און געוואָרפֿן דאָס גענייי:

„מיר וועלן נישט פֿאַסטן, מיינסטער.
ניין! און צען מאָל ניין!
און טאָמער קומען די רוצחים —
וועלן מיר ברעכן אַ ביין.”

דער אַלטער מיינסטער פֿאָנפֿתא
זיצט ביי דער ניימאַשין
און טרויעריק־שווערע מחשבות
קומען אים אויפֿן זין:

זיין פֿלוניתטע שרה־גיטל
איז שוין זינט יאָרן טויט,
און זיין טאָכטער חנה־דבורה
פֿאַרזיצט אַן אַלטע מויד.

און זיי, די שניידעריונגען,
האָבן נאַרישקייטן אין זין —
צעוויינט זיך דער אַלטער מיינסטער
איבער דער ניימאַשין.

די מלכה אסתּר פֿאַסט

אסתּר המלכה איז בלייך און מיד
און ציטערט ווי אין פֿיבער:
געלויבט צו גאָט, נאָך דריטהאַלבן שעה,
און דער תּענית איז אַריבער.

דער מלך האָט זי היינט געפֿרעגט:
„וואָס איז דיר, אסתּרל? זאָג!
דו גייסט אַרום פֿאַרמאַטערט און בלייך,
און ס'איז דווקא אַ שיינער טאָג."

איז גיי דערצייל דעם מלך, דעם נאַר:
— אדוני מלך, דו ווייסט?
ס'איז אסתּר־תּענית און איך פֿאַסט,
ווייל דער פֿעטער מרדכי הייסט. —

הלוואי זאָל עס זיין צום גוטן, הלוואי
זאָל עס אויסגיין צו המנס קאָפּ!
ווי ער מאַכט איר חנדלעך, דער הולטיי,
דער שאַרלאַטאַן, דער זשלאָב.

„מלכה, זי שיינען אַזוי ווי די זון,
אַזוי ווי דער מאָנד און די שטערן" —
און יעדעס וואָרט איז ביטרע און פֿאַלש
און זי מוז דאָס אַלץ אויסהערן.

ווייל ס׳וויל דער פעטער אַזוי, ער זאָגט:
„לאָז אים נאָר בילן, מיין קינד —
אַ יעדעס וואָרט פון אַזאַ רשע ווי ער
איז מער נישט ווי שפּריי אויף ווינט.

דער עיקר: אין דער מגילה שטייט
(אַזוי זאָגט ער שטילערהייט),
אַז המן הרשע וועט נאָך זיין
אַ חוזק פאַר קינד און קייט.״

אַזוי זאָגט דער פעטער מרדכי צו איר
— און דער פעטער מרדכי ווייסט —
און די מלכה טוט אַלצדינג,
ווי דער פעטער מרדכי הייסט.

אָט האָט זי פאַראַטן דעם שניידעריונג,
ווייל דער פעטער האָט געוואָלט,
און פאַסטריגתא איז דאָך געווען
אַ שניידער־ייִנגל אַ גאָלד.

אָט פאַסט זי היינט פון גאַנץ קאַיאָר,
ווייל דער פעטער מרדכי הייסט —
דער פעטער איז אַ חכם אַ ייִד
און דער פעטער מרדכי ווייסט.

המן גרייט זיך צום באַל

המן שפּאַנט אַרום נערוועז:
ס'איז שוין באַלד זייגער אַכט
און ס'האָט דער שניידערוק, דער זשיד,
דעם מונדיר נישט אָפּגעבראַכט.

זאָגט זרש: „ניטע, המנשי קרוין,
זיי נישט אַזוי צעשטרייט —
די סעודה פאַנגט אָן זייגער צען,
וועסט נאָך קומען צו דער צייט.

דער עיקר איז — באַטראַכט זיך גוט,
ווער און וואָס און ווען —
די מלכה, זאָגן די ווייבער אין מאַרק,
איז אַ פייער, אַ ברען.

זיי זאָגן אפילו, אַז זי האָט
אַ יעדן פרייטאָג ביי נאַכט
מיטן שטן אַ ראַנדעווו
און ס'איז נישט אויסגעטראַכט.

וואָס דאַרפסטו מער, אָט איך אַליין
האָב דיך אין חלום געזען:
אָט ביסטו געשטאַנען נעבן איר בעט
און אָט — ביסטו נישט געווען.

פרעג איך ביים גורל-וואַרפער באַשייד,
זיפצט ער שטיל און זאָגט:
ס'זיצט אַן אלמנה אויפן שטיין,
זי יאָמערט און זי קלאָגט.

בעט איך אים: פֿאָטערל, זאָג, דערצייל,
באַשייד מיר, וואָס דאָס באַטייט!
ברומט ער: וואַרט נאָך צו אַ ווייל,
ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט."

המן שפּאַנט אַרום נערוועז:
„אוי, זרש מיין ווייב, שוויַיג שטיל!
נאָר רק דו גייסט מיר נאָך פּוסטריט
און מאָלסט אַזוי ווי אַ מיל.

און דאָ איז היינט דער מאַסקנבאַל
און די מלכה זיצט און וואַרט —
צו דעם דאָזיקן טאָג, דעם יום הדין,
האָב איך פֿון לאַנג געגאַרט.

מען קלינגט. גיי עפֿן, מיין ווייב, די טיר,
ס'איז דער שניידער מן הסתם"...
און המן הערט, ווי פּאַנפּתא זאָגט:
„קיסע די האַנט, מאַדאַם!"

דער מלך איז אין כעס

דער מלך שנייצט כסדר די נאָז
— אַ סימן, אַז ער איז בייז —
און ער טענהט צו זיך אַליין:
„גיי זיי אַ חכם און ווייס,

אַז המן, מיין ערשטער מיניסטער, איז
איין אויסוווּרף דער נאַטור, —
ס'האָט ער געמיינט, אַז אסתרשי
איז טאַקע זיינס אַ הור?״

אַ שטיקל גליק, וואָס מרדכי דער ייד
איז געקומען היינט ביי טאָג,
פאַרשטויבט, פאַרסאַפּעט און פאַרשוויצט
און צו אים געטאָן אַ זאָג:

„פאַטער קיניג, זע, האַלט אַן אויג
אויף המנען היינט ביי נאַכט —
ער איז נישט אַזאַ צדיק אין פּעלץ,
ווי ס'האָט זיך דיר געדאַכט.

און ער האָט געזען — ער זאָל אַזוי זען
משיח אויפן ווייסן פערד —
ווי המן פאַלט אויף אסתרלס בעט
און ר'האָט אסתרלס קוויטש געהערט.״

דער מלך שנייצט כסדר די נאָז
— אַ סימן, אַז ער איז בייז —
און ער טענהט צו זיך אַליין
„גיי זיי אַ חכם און וויים״...

און ער דערמאָנט זיך יענע נאַכט,
ווען אסתר אין בלויזן העמד
איז געקומען צו אים צו גיין
ווי אַ חלום פון דער פרעמד.

און אַז ער האָט איר צוגעזאָגט:
„אסתרל, כי, כי, כי —
המן וועט שוין הענגען ביי מיר
אין אַ שיינעם אינדערפרי.״

און אסתרל האָט געשמייכלט זיס
און איז אים געוועזן אַ ווייב —
ער פילט נאָך דעם ריח פון אירע האָר
און דעם טעם פון איר הייסן לייב.

דער מלך פאַרלייגט די הענט אויפן בויך
— אַ סימן, אַז ער טראַכט:
צי זאָל מען הענגען המן ביי טאָג,
צי אפשר גאָר ביי נאַכט?

מען פירט המן צו דער תליה

צעעפנט די פענצטער,
צעפראַלט די טירן,
מען טוט המן הרשע
איבער די גאַסן פירן.

מען טוט אים פירן,
מען טוט אים ברענגען
אויפן מאַרק צו דער תליה,
דאָרט וועט מען אים הענגען.

„תליון, תליון,
ווייסט דאָך, ווער איך בין —
לאָז מיך כאָטש געזעגענען
מיט מיינע זין!״

„דיינע זין, דיינע זין
וועט מען צו דיר ברענגען
און מען וועט זיי מיט דיר
אין איינעם אויפהענגען.״

„תליון, תליון,
ווי צו מיינע יאָרן —
איך, וואָס בין כסדר
אין אַ פיאַקער געפאָרן,

מוז זיך שלעפּן צו פוס
און אָט די קייטן טראָגן,
פאַר וואָס און פאַר וועמען —
אפשר קענסטו מיר זאָגן?

ניין, דו קענסט מיר נישט זאָגן,
אומזיסט דאָס פרעגן,
איך זע שוין די תליה,
זי טאַנצט מיר אַנטקעגן.

איך זע שוין די תליה
און הער שוין די ראָבן,
אויפן אַלטן צווינטער
זאָלט עך מיך באַגראָבן.

נאָר פאַרשטאָפּט מיר די אויערן
— איך טו אייך באַשווערן —
אַז איך זאָל פאַרשפּאָרן
דעם גראַגער צו הערן."

אַזוי טענהט דער רשע,
בשעת ער גייט —
און ס'לאַכן און שפּעטן
קינד און קייט.

דער מיינסטער פֿאָנפּתא פּראַוועט די סעודה

דער אַלטער מיינסטער פֿאָנפּתא
ווישט אָפּ מיטן טיכל די בריל
און זאָגט צו זיינע געזעלן
בנעימותדיק און שטיל:

„איז, הייסט עס, המן הרשע
אַצינד אין גיהנום אַ גאַסט
און מען פֿרעגלט אים אין סמאָלע,
ווי פֿאַר אַזאַ רשע פּאַסט.

צוויי געשטופּלטע גיהנום־שמשים,
מיט רויטע פּאות און בערד,
שמייסן אים אַלע מאָל אונטער
ווי אַ פֿאָטשטאָווע פערד:

מיט יידן גייט ער זיך טשעפּען
און מיט זייער מאַכטיקן גאָט?
צדוק, שיט אונטער סמאָלע
אָט דעם דאָזיקן אידיאָט!”

דער אַלטער מיינסטער פֿאָנפּתא
ווישט אָפּ מיטן טיכל די בריל
און ווענדט זיך צו דער טאָכטער
בנעימותדיק און שטיל:

„נו, חנה-דבורה, מיין טאָכטער,
דו מעגסט שוין גרייטן צום טיש
די המן-טאַשן, די מאַנדלעך
און דעם סאַמע עיקר — די פיש.”

און ווידער צו די געזעלן:
„נו, חברה, וואָס שטייט עץ שטיל?
מאַכטס אַ לחיים, חברה,
און נעמט זיך צום פורים-שפיל!”

בלישטשען די כוסות און קלינגען:
„לחיים פאַר נאָדל און שער,
פאַר אסתר, דער גרינער מציאה,
און פאַרן מלך, דעם לעקיש-בער!”

נאָר חנה-דבורה, די טאָכטער,
שטייט ביים פענצטער און טראַכט:
וויפל שטערן, אַ שטייגער,
פאַרמאָגט אַזאַ פורים-נאַכט?

פּאַסטריגתאס מאַמע צינדט אָן
אַ יאָרצייטליכט

פּאַסטריגתאס אַלטע מאַמע
צינדט אָן אַ יאָרצייטליכט
און גרויסע, הייסע טרערן
רינען איבער איר געזיכט:

„אַ יאָר איז שוין פאַרפלויגן,
זינט מיין שפייזער איז נישטאָ,
נאָר ס׳שיינען נאָך אַלץ די שטערן
אויף מיר, דער אַלטער קראָ.

גלייך נעכטן ערשט איז דאָס געווען,
ווי מען האָט מיין קינד געפירט
צו דער תליה, געקאָוועט אין קייטן.
אַ שטיין וואָלט עס גערירט,

ווי ער האָט אין דער לעצטער רגע
נאָך אסתרס נאָמען דערמאָנט —
אַ וועלט דאַרף מען אויספאָרן
צו געפינען אַזאַ בריליאַנט.

אַ וועלט דאַרף מען אויספאָרן
און מען וועט נישט געפינען, ניין,
אַזאַ מין טייערן דימענט,
ווי פאַסטריגתא איז געווען.

געווען? אוי, טאַטע אין הימל —
געווען... און שוין נישטאָ,
נאָר ס׳שיינען נאָך אַלץ די שטערן
אויף מיר, דער אַלטער קראָ.

נעכאַי וואָלט אסתר, די נאַפּקע,
געווען זיין גרוב פאַרלייגט,
זי האָט דאָך אַפּילו אין תפיסה
אויף אים נישט נאָכגעפרעגט.

אַבי זי פראַוועט דעם פורים
— אַ ווייסטער פורים אויף איר —
אויף איר און דעם פעטער מרדכי,
דעם שתדלן, דעם גביר.״

פאַסטריגתאס אַלטע מאַמע
שטייט פאַרן יאָרצייטליכט
און גרויסע, הייסע טרערן
רינען איבער איר געזיכט.



זוכצעטל

חומש־לידער

חוה ברענגט אדמען דעם עפל — — — — — — — — 15
אדם איז אייפערזיכטיק — — — — — — — — 17
אברהם אבינו מוסרט לוטן — — — — — — — — 19
לוטס טעכטער — — — — — — — — — — 21
אברהם און שרה — — — — — — — — — — 23
די דריי מלאכים קומען צו אברהם אבינו — — — — — — 25
אברהם אבינו פראַוועט אַ שלום זכר — — — — — — 27
שרה זינגט יצחקלען אַ שלאָפליד — — — — — — 29
הגרס לעצטע נאַכט ביי אברהמען — — — — — — 31
הגר פאַרלאָזט אברהמס הויז — — — — — — — — 33
הגר אויף דער מיט פון וועג — — — — — — — — 35
די מוטער שרה האָט אַ שווער געמיט — — — — — — 37
אברהם אבינו שאַרפט דאָס מעסער — — — — — — 39
אברהם אבינו פאָרט מיט יצחקן צו דער עקידה — — — 41
אברהם שיקט אליעזרן זוכן פאַר יצחקן אַ ווייב — — — 43
אליעזר רעדט מיט רב בתואל — — — — — — — 45
אברהם אבינו באַקומט אַ בריוו — — — — — — — 47
יצחק אבינו פאַרהערט זיינע בנים שבת נאָכן טיש — — — 49
יעקב קויפט אָפּ די בכורה ביי עשון — — — — — — 51
יעקב נאַרט אויס די ברכה ביי יצחקן — — — — — 53
רחל גייט צום ברונעם נאָך וואַסער — — — — — — 55
יעקב אבינו באַגעגנט זיך מיט רחלען — — — — — 57
יעקב אבינו זינגט אַ סערענאַדע אונטער רחלס פענצטער — 59
רחל און לאה — — — — — — — — — — 61
לאה ברענגט דודאימלעך פון פעלד — — — — — — 63
יעקב אבינו האָט עגמת־נפש פון זיינע קינדער — — — 65
יוסף הצדיק און זליכה — — — — — — — — 67
יוסף הצדיק זוכט ביי זיינע ברידער דעם בעכער — — — 69
יעקב אבינו לערנט מיט זיינע זין "מכירת יוסף" — — — 71

דער שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער לערנט תנ"ך

דער אַלטער תרח שניצט אַ נייעם אָפּגאָט — — — — — 77
דינה בת יעקב גייט אויף אַ ראַנדעוווּ — — — — — — 79
יוסף הצדיק שפּאַצירט אויפן בולוואַר — — — — — — 81
חנה און פנינה — — — — — — — — — — — 83
חנהס וויגליד — — — — — — — — — — — — 85
שמואל הנביא און דער פּאַסטוך דוד — — — — — — 87
דער אַלטער ר' ישי — — — — — — — — — — 89
מיכל — — — — — — — — — — — — — — 91
די מכשפה פון עין־דור — — — — — — — — — 93
אביגיל — — — — — — — — — — — — — 95
בת־שבע — — — — — — — — — — — — — 97
אמנון און תמר — — — — — — — — — — — 99
דוד המלך און אבשלום — — — — — — — — — 101
אבישג — — — — — — — — — — — — — 103
אבישגס לעצטע נאַכט אין דאָרף — — — — — — 105
דוד המלך און אבישג — — — — — — — — — 107
אבישג שרייבט אַהיים אַ בריוו — — — — — — — 109
אבישגס טרויער — — — — — — — — — — — 111

רות

נעמי זאָגט "גאָט פון אברם" — — — — — — — — 117
נעמי רעדט צו אירע שנורן — — — — — — — — 119
נעמי קען נישט שלאָפן — — — — — — — — — 121
ערפּה קען נישט שלאָפן — — — — — — — — — 123
רות קען נישט אַנטשלאָפן ווערן — — — — — — — 125
נעמי פאַרלאָזט דאָס דאָרף — — — — — — — — 127
אויפן שיידוועג — — — — — — — — — — 129
ערפּה געזעגנט זיך — — — — — — — — — — 131

מגילה־לידער

דאָס ליד פונעם לויפער — 141
פאַר וואָס מרדכי הצדיק האָט געפונען חן ביים מלך — 143
די מלכה ושתי — 145
דעם מלכס סעודה — 147
ושתיס קלאָגליד — 150
די מלכה ושתי גייט צו דער תליה — 153
מרדכי גייט אַהיים פון אסתרס חתונה — 157
די עלעגיע פון פאַסטריגתא — 159
אסתר המלכה קען נישט שלאָפן — 161
פאַסטריגתא חלומט — 163
מרדכי הצדיק דער שתדלן — 165
די מלכה קומט צום מלך — 167
פאַסטריגתא שיקט אַ גרוס מיט די פייגל — 169
המן טעלעפאָנירט צו ויזתא אין דער רעדאַקציע — 171
דער מיינסטער פאָנפתא האַלט אַ הספד אויף פאַסטריגתא — 173
דער מלך אחשורוש נאָכן אַטענטאַט — 175
מרדכי קומט צו אסתר המלכה — 177
המן הרשע קען נישט שלאָפן — 179
המן דרייט זיך אין מלכס הויף — 181
פאָנפתא מיט זיינע געזעלן נייען פאַר המן אַ מונדיר — 183
מרדכי הצדיק וואַרט אויפן שטן — 185
דער מיינסטער פאָנפתא גרייט זיך צום תענית — 187
די מלכה אסתר פאַסט — 189
המן גרייט זיך צום באַל — 191
דער מלך איז אין כעס — 193
מען פירט המן צו דער תליה — 195
דער מיינסטער פאָנפתא פראַוועט די סעודה — 197
פאַסטריגתאס מאַמע צינדט אָן אַ יאָרצייטליכט — 199

FROM THE LIBRARY
OF A. W. KLACHKO